STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10661

AFN HOYKHN BARG

Avrom Gontar

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. גאָנטאַר

אפּן הויכן באַרג

אָגיז
מעלוכע־פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1947

מײַן כאָרעווע שטאָט

אפנ הויכנ בארג

אפנ הויכנ בארג
שטייט מײַנ װוּנדערלעכ הויז
מיט ליכטיק-קריסטאָלענע שויבנ.
קוקט די זונ פונ מײַנ הויז
דורכ די פענצטער ארויס,
רופט צונויפ פונדערווײַטנס
די טויבנ.
קומט א זילבערנע טויב,
ברענגט א גאָלדענע שטרוי
צו דער נעסט אפ .בורשטינענע קליאָנענ,
קומט א צווייטע אונ ברענגט
א טראָפּעלע טוי —
א מאטאָנע.

אונ דער טוי,
אונ די שטרוי,
אונ די טויב,
אונ די שויב

זײַנען מײַנע זון, מײַנע לעוואָנע,
זײַנען מײַנע זון, מײַנע לעוואָנע.

איז געקומען א פרוי
און א קינד מיר געבראכט,
איז דאָס מיידעלע קלוג און מיט קרויזן.
האָט דער שפּיץ פונעם בארג
קינדערש-הילכיק געלאכט,
און געבליט בא דעם הויז האָבן רויזן.

קומט א בין צו דער רויז,
און דעם זאפט זויגט זי אויס
און טראָגט זיך אוועק אין די רוימען.
איז א קינד שוין פאראן,
און ס'איז האָניק פאראן,
און פאראן זײַנען גליקלעכע טרוימען.

און דאָס קינד,
און דער ווינט,
און די בין
מיט איר דזין
ווייסן קיין גרענעץ, קיין צוימען,
ווייסן קיין גרענעץ, קיין צוימען.

איז געקומען א פרעמדער
צו גיין צו דעם בארג
און צעזעצט און צעטראסקעט די שויבן,

צעטריבן די זילבערנע טויבן,
די רויזן צעטראָטן,
די ביימער פארברענט.
געקומען צו גיין צו מײַן הויז
פון דער פרעמד
און דאָס קינד פון די הייכן געוואָרפן,
מײַן לעבן, מײַן גליק מיר צעבראָכן.

וועל איך נעמען א האק
און אוועק צו זײַן הייל
און באצאָלן אים קייפל-קיפלאַים,
צעהאקן דעם וואָרעם אף דרײַען.

פאר דער טויב,
פאר דער שויב,
פאר דעם טוי,
פאר דער פרוי,
פאר דעם קינד,
פאר דעם ווינט,
פאר דעם לעבן.
און איך וועל דאָס ניט קיינמאָל פארגעבן,
און איך וועל דאָס ניט קיינעם פארגעבן.

מײַן כאָרעווע שטאָט

צו דײַנע ברוכ־שטיקער און שטיינער וועל איך קומען.
פאַרבאַקן זײַנען זיי אין בלוט, אין קויט.
צום אַלטן גנילאָפּיאַט — דעם טײַך דעם קרומען,
וואָס איז אַ לעבעדיקער איידעס פון דײַן טויט.

כ'וועל קומען צו דער באָד־גאַס אופזוכן דאָס שטיבל,
וווּ באַ לעוואָנע־שײַן עס פלעג די מאַמע זיצן דורך די נעכט
און פליקן פעדערן. ס'איז אין זיקאָרן מיר ביז איצט פאַרבליבן
די מײַסעס אירע וועגן הערשער, וועגן קנעכט.

כ'וועל קומען אַף די פּיסקעס, אין די ליקן,
וווּ בוינע־יונגע האָבן כאַסענעס אין האַרבסט געשפּילט,
צו נײַן כאַדאָשים פלעגן זיי די וועלט מיט קינדערלעך באַגליקן,
מיט מוישעלעך און שלוימעלעך די גאַס פאַרפילט.

אַף הויכן ברעג די ווערבעס אײַנגעבויגן,
די שלאַנקע באַטשאַנס בלאָנקען אום אַליין.
זיי הייבן אויף אַ גוואַלד — דערשראָקענע פאַר מייסים־אויגן,
פאַר אַ פאַרבלוטיקט קינד, אין וואַסער באַ אַ שטיין.

א ווינט לויפט אָן און שעפּטשעט מיר אין אויער,
און כ'לאָז זיך וויַיטער בלאָנקען אין פאַרוויסטן קאַנט,
ווו יעדער בערגעלע, ווו יעדער קרוק פון טויער —
א שטיק פון מיַין נעשאָמע איז, א פינגער פון מיַין האַנט.

2

געשעמט האָט די שטאָט אין דער וועלט
מיט איר יידישן נאָמען.
געשעמט האָט דער טיַיך גנילאָפּיאַט
מיט מענדעלעס קלוגן ביניאָמין.

מיט קוזניעס באַם ברעג,
מיט אקשאָנים — די בערדיקע שמידן,
מיט שלאָסער און זעצער —
די קלוגע און כאָשעווע יידן.

ניט איין מאָל, אין קייטן געשמידטע,
דורך גאַסן דורך ענגע
געפירט האָט מען יונגע בונטאַרן
צעשיסן און הענגען.

און ברידערלעך קליינע
עס פלעגן די פויסטן פאַרפּרעסן
און האָבן א שווּע געגעבן:
דאָס קיינמאָל פאַרגעסן.

פונ דאלעס, פונ קויט און פונ נויט,
וואָס געהערשט האָבנ יאָרנ,
מײַנ אָרעמע שטאָט, ווי אינ כאָלעמ,
א גאָלדענער גאָרטנ געוואָרנ.

מײַנ גוט איז א גאולענ באפאלנ,
דעמ גאָרטנ פארברענט און צעבראָכנ,
די שוועסטער געשענדט
און די אלטיטשקע מוטער געשטאָכנ.

די ערד און דעמ הימל פארלענדט
האָט דאָס גיפטיקע פײַער.
איז דאָ דענ א שטראָפ פאר דעמ בראָכ,
וואָס זאָל הייסנ צו טײַער!

איך ווייס

א

ווי זאָל איך אָנקלאַפּן צו דיר,
אז ס׳איז ניטאָ קיין פענצטער?
ווי זאָל איך קומען צו דײַן טיר
און וואַרטן אַף מײַן שענסטער,

אז ס׳איז קיין הויז ניטאָ, נאָר אַש,
קיין סטעזשקע און קיין שפּור פון גאַנג?
איז בלאָנקע איך אַרום, ווי א געשפּענסטער.

ווי זאָל איך קומען מיט דער בריק,
אז ס׳איז די בריק צעבראָכן?
ווו זאָל איך אויפזוכן דײַן בליק —
דײַן אויג איז אויסגעשטאָכן.

אז ס׳איז דער שטילער, גרינער טאָל,
ווו כ׳האָב דיך אָנגעיאָגט אַמאָל,
מיט בלוט פאַרלאָפן?

ב

ווּ זשע זאָל איכ זוכנ דיכ, מײַנ קינד,
אפ וועלכע לאָנקעס אונ אפ וועלכע וועגנ?
איכ ווייס, איכ ווייס,
אנ אנדער וועג עס ווארט אפ מיר אצינד,
כ׳וועל גיינ אהינ
אונ וועל בא קיינעמ פרעגנ.

אויב ערגעצ שפאנט דער מערדער נאָכ ארומ,
אונ ס׳לײַכט דער הימל אימ,
אונ ס׳שפילט פאר אימ די זונ —
וועל איכ שוינ טרעפנ זײַנע וועגנ...

ערשט דעמאָלט וועל איכ ערלעכ שטארבנ אפ מײַנ ערד,
וואָס האָט געבענטשט מיט לעבנ מיכ
אונ מיט גערעכטיקײַט געבענטשט מײַנ שווערד.

לייעלע

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאנקע סאָסנע-ביימער.
איצט וויגן זיי די קרוינען
אף א גרוב מיט ביינער.

ס'האָט געבראכט פון שטאָט אהער
קליינע קינדער שטילע.
אויסגעטאָן די העמדעלעך,
די העמדעלעך אפילע.

און א גרוב פאר אלעמען
איז שוין גרייט געשטאנען,
און די קלענסטע לייעלע
האָט גאָרניט ניט פארשטאנען.

ס'האָט געמיינט די שטיפערקע,
ס'איז א שפיל אזא מין.

לייעלע די לאכערקע
האָט דעם קאָפּ פאריסן:
ווער עס שיט עס זאמד אפּ איר,
וויל די קליינע וויסן.

און געזאָגט האָט לייעלע
צו דעם דײַטש פון אויבן:
— פעטערל, וואָס שיט איר עס
זאמד מיר אין די אויגן.

ס׳האָט דאָס פעטערל געקײַכט
און געשאָטן פלינקער.
מיר פאר לייעס אייגעלעכ,
מיר פאר אירע פינגער.

דרײַ סאָסנעס האָבן עס געזען,
דרײַ שלאנקע ביימער שטומע.
וויגן זיי זיך וויינענדיק,
וויינען זיי און ברומען.

ניט קיין פּעכ פון ביימער טריפט,
בלוט אפּ נאָדל-בלעטער.
קינדער מײַנע, טײַבעלעכ,
אייביק לעבן וועט איר.

א שנײ איז געפאַלן

א שנײ איז געפאלן,
א שנײ איז געגאנגען
א טאָג מיט א נאכט.
באם ברעג פונעם וואלד
איז א ייִנגל געהאנגען
די אויגן פארמאכט.
און איִבער זײַן קאָפּ
אפּ א צווײַג איז געשטאנען
א קראָ.
וואָס קומט ניט צו גײן
ניט דער טאטע, די מאמע —
זײ זײַנען ניטאָ?

עס קומט דאָך א ייִנגל,
מע זאָל אים באוויינען,
א וואָרט זאָל מען זאָגן
נאָך אים.
ווו איז עס דער טאטע,
ווו איז עס די מאמע,

פאַרוואָס איז די קראָ נאָר
לעם אים?

א שנייַ איז געגאַנגען,
א שנייַ איז געפאַלן,
די וועגן פאַרשיט.
באַם ברעג פונעם וואַלד
איז קיין סימען פאַרבליבן,
קיין שפּור פון די שריט —
פון ראָצכים,
וואָס האָבן דאָס ייִנגל געהאַנגען
און שיקער געלאַכט,
וואָס האָבן זייַן טאַטן,
זייַן מאַמע געפאַנגען,
געשאָכטן באַנאַכט.

דער טאָעס פֿון נאָכעמצי דעם קירזשנער

ס׳האָט נאָכעמצי דער אַלטער קירזשנער לאַנג געוווּסט,
אַז קומען וועט אַ טאָג און ס׳וועט זײַן וועלט פֿאַרגיין.
נאָר אָפּ דער עלטער האָט דעם זאָקן זיך פֿאַרגלוסט
אַ קלייניניק גערטנדל פֿאַרזייען.

פֿאַרגייט די זון פֿאַמעלעך בײַ דעם פּלויט,
די סאָלנעשני׳קעס האָבן אויסגעדרייט דאָס פּאָנעם,
דער הימל איז געוואָרן פּלוצעם רויט —
אין שטעטעלע אַרײַן זײַנען די סאָנים.

ס׳האָט נאָכעמצי געוווּסט — אין ספֿאָרים שטייט אַזוי:
אַז קומען וועט אַ צײַט און ס׳וועלן זיך באַווײַזן
פֿויגלען שטאָלענע אין הייך פֿון הימל-בלוי,
אַ האָגל פֿאַלן וועט פֿון פֿײַער און פֿון אײַזן.

אַ מערדער וועט זיך יאַווען אָפּ דער וועלט
און קעגן גאָט און קעגן מענטש זיך שטעלן,
און דערנער וועלן אויסוואַקסן אין פֿעלד,
אַ שוואַרצער נעפּל וועט די זון פֿאַרשטעלן.

די סאָנים וועלן פאלן טויט אפ פרעמדער ערד,
און זייער אש עס וועט דער ווינט צעטראָגן,
און דעמאָלט וועט מאָשיִעך אפ זיַין פערד
אראָפּקומען, און עס וועט נעמען טאָגן.

איז ווען אין שטאָט זיַינען די פיַינט אריַין,
איז נאָכעמצי ארויס א קוק טאָג אפ זיַין גאָרטן.
א קויל האָט אויסגעלאָשן אין זיַין אויג די שיַין,
א טויטער איז דער גריַיז געבליבן דאָרטן.

א קליינעם טאָעס האָט דער אלטיטשקער געהאט,
און עפשער איז עס גאָר אינגאנצן ניט קיין טאָעס;
ניט מאָשיִעך, נאָר א פּאָשעטער סאָלדאט
פארניכטעט האָט דעם קירזשנערס מאלכאמאָוועס.

און ס'איז אין הימל אופגעגאנ די זון,
די סאָלנעשניקעס האָבן אויסגעדרייט צו איר דאָס פּאָנעם —
און ס'האָט געגרינט דער זומער אין ארום,
און בונט געווען עס זיַינען זיגערישע פּאָנען.

פרעג מיכ ניט פארוואָס

כ'האָב קינדווייַז זיך צעקלאפּט א פּוס אינ שטיינ,
אונ ס'איז דער שטיינ מיט בלוט מייַנעס פארלאָפנ.
א פויגל האָט זיך אייַנגעהערט אינ מייַנ געוויינ —
דערפונ א ליד געמאכט אונ איז מיט איר אנטלאָפנ.

אונ מייַנס געוואָרנ איז דער שטיינ אונ יענע ליד,
די טרער, וואָס איז אינ שטויב אראָפּגעפאלנ,
אונ טוי-פּערל אינ וויכנ גראָז צעשיט
האָט מיר א שייַנ געטאָנ אינ אָפּגלאנצ פונ די שטראלנ.

א וואלד אפ שויבנ האָט דער פראָסט געמאָלט.
פונ קעלט מיר פלעגנ ברוינ אונ בלאָוו אזש ווערנ.
דערפאר בינ איכ א פראָסטיקער געוואָרנ אויסגעשטאלט
אונ האָב די וועלט דערקענט אינ בלעזעלעכ פונ טרערנ.

אונ ליב באקומענ האָב איכ אָט די וועלט;
די וואונדערלעכע, הארבע, מילדע, שטרענגע.
פונ מייַנ כאלופּקעלע — מייַנ קליינ געצעלט,
ווו דינע פאסמעס שפּינוועבס פלעגנ הענגענ,

האָב איך מיר אויסגעבויט א הויז פון בלויז קרישטאָל,
א שוטעפּ מיטן הימל כ׳בין געוואָרן.
געבראכט האָב איך אהין דעם הויך פון מייַן אמאָל —
א קלומעקל א ציטעריקס פון מייַנע קינדער-יאָרן.

איז פרעג מיך ניט, פאַרוואָס מייַן צאר איז גרויס,
פאַרוואָס מייַן בליק איז אויסגעלאָשן —
א גאזלען האָט פארכאפּט מייַן בלענדיק הויז,
מיט בלוט פון מייַנע פרייַנט דעם וועג צו דעם פאַרגאָסן.

דורך וועגן, אומוועגן כ׳וועל קומען אפּ צוריק,
און אין מייַן היים — מייַן אלטער נעסט זיך קערן.
נאָר סייַ אין וויי, נאָר סייַ אין קומענדיקן גליק
וועט גאָרניט ניט פאַרגעסן ווערן.

דער סאָד

עס האָבן אפּ מײַן דאך געוווינט צוויי שטילע טויבן,
ארום מײַן שטוב א סאָד אין ווײַסן צוויט.
פארטאָג פלעגט אָנקלאפּן א צווײַג אין מײַנע שויבן,
דער ערשטער שטראל האָט אפּ מײַן פענצטערל געבליט.

ווען ס׳פלעגט א קינד בא אונדז אין שטוב געבאָרן ווערן,
דאן פלעגט א ביימעלע פארפלאנצט ווערן אין סאָד,
געקויקלט האָבן זיך די יאָרן אונטער שטערן,
און אויסגעוואקסן זײַנען זיבן ביימער אין א ראָד.

טראָגט יעדער בוים דעם נאָמען פון זײַן צווילינג,
ס׳איז יעדער צווײַגל אייגן, ווי א קינד,
גרעסער די מישפּאָכע ווערט מיט יעדן פרילינג,
און זאפּט זי טרינקט פון ערד, פון זון און ווינט.

פאריאָסעמט איז דער גרינער סאָד אצינדער,
אומזיסט די צווײַגן קלאפּן אין דער שויב.
עס קומען ניט קיין לאכנדיקע קינדער,
מע הערט שוין ניט דאָס וואָרקען פון קיין טויב.

א ווייענדיקע קויל פליט דורך איבער דיביימער,
א פרעמדע האק פארשנײַדט זיך אין א שטאם.
די בלעטער פאלן אפ די קאלטע שטיינער,
די צווײַגן ברענען אינעם לעצטן פלאם.

און אויב פארשניטן איז מײַן גרינער גאָרטן,
און אויסגעוואָרצלט איז דער לעצטער בוים,
איז אין דער ערד דער זאפטיקער פארבליבן פאָרט נאָך
פון אלע צווילינגען א פרישער זוים.

און ווען דאָס בלוט פון פײַנט וועט רינען אין מײַן גאָרטן,
דאן וועל איך קומען צו מײַן אויסגעהאקטן סאָד,
און ווידער וועלן אלע ביימער דאָרטן
ווי פריִער אויספלעכטן א פרילינגדיקע ראָד.

1942

מײַן שאָטן

איצט לויפט ניט נאָך נאָך מיר מײַן שאָטן,
דער שאָטן, וואָס פאַרפאָלגט מיך, איז אַצינד
אַן אומגעקומען, אַ געשאָכטן קינד.

וואָס ווייסט אַ קינד — זיך ציִען צו דער מאַמען,
און אַז די מאַמע וויגט זיך אַף אַ שטריק,
לאַכט דאָס נאַרעלע און מיינט, עס איז אַ גליק.

און ווען דאָס קינד מיט לאָקערדיקע פינגער
ציט דער מאַמעס ברוסט צו זיך אין מויל,
צילט דער הענקער אָן אין דעם אַ קויל.

ס'איז זומער אַף דער וועלט, און די לעוואָנע שײַנט,
ווי שטענדיק טוקן זיך אין הייך די שטערן,
כ'וועל יענע קינדער לאַכן קיינמאָל שוין ניט הערן.

עס בליט דער קאָרן נאָכאמאָל אין פעלד,
און זיסער וויין וועט זיין מיט ברויט מיט פרישן,
נאָר יענע מאמעס וועלן שוין ניט גרייטן צו די טישן.

און איך בין רייך אזוי — דאָס בעסטע גיב איך אָפּ,
דאָס טייערסטע — די ציטעריקע לידער,
פאר א מאציייווע מיינע מאמעס, מיינע ברידער.

העלדישע זיב

אָנזאָג

געזאָגט האָט דער פּאָטער די העלדישע זינ:
— איכ וויל ניט, אז שטארבנ זאָלט איר אינ באגינ,

איכ וויל ניט, אז פאלנ זאָלט איר אינ פארנאכט,
די ערשטע, איכ וויל, זאָלט איר זײַנ אינ דער שלאכט.

איכ וויל ניט, די מאמע זאָל קלאָגנ נאָכ אײַכ,
אז בענקענ נאָכ אײַכ זאָל דער וואלד אונ דער טײַכ.

געקנייטשט מיט די אקסל עס האָבנ די זינ,
זײַנ וואָרט ניט פארשטאנענ, דעמ מיינ אונ דעמ זינ.

צי ווייסט ניט דער פּאָטער, וואָס הייסט עס א שלאכט?
אונ וואָס איז דער כילעק — באטאָג צי באנאכט?

צעקושט זיכ מיט זיי האָט ער מענעריש פּראָסט,
קיינ זיפצ ניט געטאָנ אונ קיינ טרער ניט געלאָזט.

די ביקס האָט דער פּאָטער דערלאנגט אונ געזאָגט:
— א לאנד כ'האָב א גליקלעכס ביז איצטער פארמאָגט,

מיט גליק האָט געלויכטנ מײַנ לעבנ, מײַנ הויז —
די ייִנגלעכ די קליינע — זיי זײַנענ שוינ גרויס.

•

אונ איצטער זיי גייענ אינ שלאכטנ אוועק,
דאָס לעבנ זיי דארפנ געפינענ אינ וועג.

אונ די, וועלכע זוכנ דאָס לעבנ אינ שלאכט,
די טאָרנ ניט פאלנ ניט פרי, ניט באנאכט.

פארניכטנ זיי דארפנ דעמ טויט ביז צו ענד
אונ ברענגענ דאָס לעבנ אפ אייגענע הענט.

אזוי האָט דער פאָטער די קינדער באגלייט —
געזעגנט זיכ הארציק, נאָר ניט זיכ צעשיידט.

1941

א בריוועלע דער מאמען

דער וואָקזאַל איז געשטאַנען
באַם ברעג פֿונעם דניעפּ,
בא אַן אָפֿענער גרוב
מיט דעם פּאָנעם צום סטעפּ.

א ביקס אָפּ דעם אַקסל
באַם יונגן סערזשאַנט,
באַם קייווער ער שטייט
מיט א בריוו אין דער האַנט.

ער לייענט,
און עס הערן די שלאַכטלײַט פּאַרטײַ'ט
דעם בריוו צו דער מאַמע,
וואָס לעבט ערגעץ ווײַט.

„צו דיר, אונדזער מוטער..."
הייבט אָן דער סאָלדאַט,
און ס'ענטפֿערט פֿונוויַיטן
א הילך פֿון האַרמאַט.

„די ערד האָט געמישט זיך
אין דניעפּערשער שלאַכט,

דער טויט האָט די אויגנ
דײַנ ליבלינג פארמאכט.

ער האָט פונדערווײַטנס
געזענ שוינ זײַנ היימ,
נאָר ביז צו פּאָדאָל
ניט באוויזנ דערגיינ.

א לויטערער פלאמ
אינ זײַנ בליק האָט געברענט,
ווענ ער האָט די פענצטער
פונווײַטנ דערקענט.

די כוואליעס,
וואָס האָבנ אימ קינדווײַז געוויגט,
דײַנ ערלעכער זונ
האָט דער ערשטער באזיגט...

באזיגט,
אונ דער ערשטער ארויס אפנ ברעג,
זײַנ טויט
האָט אונדז ווײַטער געעפנט דעמ וועג".

באמ אָפענעמ קייווער,
באמ ברעג פונעמ דניעפּ,
פארנייגט האָבנ שטרענגע סאָלדאטנ
די קעפּ...

א בריוו פון פראָנט

א גרויסער דעמב איז צווישן מיר און סוינעס קויל,
מײַן קוילנוואַרפער שווײַגט, ער רוט זיך אָפּ א ביסל.
שוין לאנג פאַרשווּנדן איז מײַן ערשטער גרויל,
איצט שרײַב איך דיר, און ס'לאָזט מײַן ווזוואָד דיר גריסן.

עס רוען מײַנע פרײַנט, דאָס גראָז איז ווייך און פריש,
כאָטש איין מינוט דעם טערפּקע גרוס געניסן.
ווי גוט וואָלט זײַן אראָפּוואַרפן די שטיוול פון די פיס...
ניט איצט. איצט דאַרף מען שיסן, שיסן.

אַף איין מינוט באַוויזן כ'האָב דײַן בילד,
די רויטאַרמייער קוקן אַף אונדז ביידן.
און אַלע שמייכלען זיי, די בליקן ווערן מילד,
אָן רייד פאַרשטיי איך זיי. מיר דאַרפן גאָרניט ריידן.

דו ווייסט, עס טרעפט מיט מיר, אין פלאַם, אין דונערדיקער הייך,
ווען ס'פאַלט דער פײַנט אין ציטערדיקע ווונדן,
דערזע איך דיך, שוועבסט דורך פאַר מיר אין פולווער-רויך.
דאַן שיס איך אָן א שיר, אַז דו זאָלסט ניט פאַרשווינדן.

איך שרײַ פֿארשײַט — פֿאר דיר, פֿאר דיר, מײַן פֿרײַנט!
און כאַפּ זיך אויף פֿון אָרט און לאָז זיך יאָגן,
דאַן ווערט דער וואַלד, דער טײַך, די ווײַט באַשײַנט,
מיר דוכט, אינמיטן נאַכט הייבט אָן צו טאָגן.

דײַן גרינער צימער אין דעם ווײַסן ווײַנשל־צווײַט
שוועבט פּלוצעם דורך פֿאַר מײַנע אויגן.
איך שטיי הינטער דײַן טיר און הער, דו זינגסט אַ ליד,
צום דינעם שפּיגעלע דו האָסט זיך אָנגעבויגן.

און פּלוצעם דאַכט זיך מיר אַ גאַזלען אויס,
ער וואַרפֿט דאָס שפּיגעלע, צעשמעטערט עס אויף שטיקער.
ער כאַפּט דער שכיינעס יינגעלע פֿון בעטעלע אַרויס,
און שלאָגט דאָס מיט די פֿיס, און ריטשעט שיקער.

ניין, ניין, כ׳וועל ניט דערלאָזן אים צו אײַך,
צו אײַער שטוב, צו אײַער רו און צו דעם צווײַט פֿון גאָרטן.
דאָס בלוט פֿון פּײַנט באַפֿאַרבן וועט דעם טײַך,
ער האָט אַליין פֿאַר טליעס שטריק זיך אויסגעפֿלאָכטן.

איז זײַ ניט ברוגעז, וואָס איך שרײַב ניט וועגן שלאַכט,
דו ווייסט אַליין — אין שלאַכט באַדאַרף מען שיסן.
איז שיסן מיר, און ס׳מישט דער טאָג זיך מיט דער נאַכט —
דעם טאָג מיר וועלן ברענגען אויף די שפּיזן.

נאָכ א שלאכט

נאָכ א שלאכט אינ דער ענגער זעמליאנקע
טוט מענ אויס די שטיוול, דעמ שינעל.
ס'איז שווער צו איַינשלאָפנ, וויַיל די גדאנקענ
טראָגנ זיכ צו א פארבענקטער שוועל.

דער ווינט, וואָס וועקט פונ דרעמל די סאָלדאטנ,
איז ערשט ניט לאנג, קענ זייַנ, געווענ
באמ יינגעלע, וואָס זעט אינ שלאָפ דעמ טאטנ,
דעמ טאטנ, וואָס ער האָט נאָכ ניט געזענ.

נאָכ א שלאכט באמ פלאקערדיקנ שייַטער
זעט מענ אינעמ פייַער, וואָס מע וויל:
אנ אלטנ טאטנ אינ א שטאָט א וויַיטער,
וואָס זיצט באמ טיש אונ מורמלט עפּעס שטיל.

דעמ היימישנ געפּליסטער פונ דעמ ניגנ
עס הערט דער זונ אינ פלוישנ פונעמ פלאמ.
די וויַיטסטע צווייַגנ הייבנ אָנ זיכ וויגנ,
ווענ די זעג פארמעסט זיכ אפנ שטאמ,

נאָכ א שלאכט, געבויגנ אפ א שטיינ א גלאטנ,
שרײַבט מענ צארטע בריוועלעכ אהיימ.
דורכ טויזנט וועגנ וועט דער קויש פונ די סאָלדאטנ
צומ ליבנדיקנ הארצ דערגיינ.

נאָכ א שלאכט — ווי טײַער איז צו וויסנ,
ווענ ס'יאָגט דער טויט ארומ איבערנ פעלד,
אז דײַנע לעבנס-פעדעמ זײַנענ ניט צעריסנ,
זיי קניפּנ זיכ, זיי בינדנ זיכ מיט גאָר דער וועלט.

א פרעמדער וועג

אז ס'איז פינצטער און דער וועג איז פרעמד,
נעמט דער הימל נאָענט ווערנ.
מײַנ בליק כ'האָב צו דער „גרויסער בעריכע" געווענדט,
זי קוקט אפ מיר מיט אלע זיבנ שטערנ.

די זעלבע „בעריכע", זי שטייט איצט אפנ דאכ
פונ הויז פונ מײַנעם, וווהינ מײַנ טרוים דערגרייכט איצט.
אָט דאָ, ווו ס'איז קיינ וועג ניטאָ, קיינ שליאכ,
דערפיל איכ, ווי די ביקס מײַנע געריכט איז.

ס'איז ניט מײַנ גוטער ווילנ דאָ געווענ,
און ניט געווענ מײַנ שלעכטער ווילנ,
אז זײַנ זאָל עס אזוי, אז ס'זאָל אזוי געשענ,
איכ זאָל אינ דײַנע נעכטנ דאַרפנ צילנ.

אינ דײַנע ווענט, אינ גאָטישנ געבוי,
וואָס צאמענ אײַנ דײַנ וועלט, ווי אינ א שמאָלנ רעמל,
נאָר כ'האָב געצילט אינ זיי, עס איז געשענ אזוי,
ווײַל דו האָסט זיכ געצילט אינ ווענט פונ קרעמל.

אהינ האָסטו געצילט, ווו ס'לויכט זיכ דער רובינ,
ווו שטענדיק שײַנענ וועט מײַנ מאזלדיקער שטערנ,
נאָר דו האָסט ניט דערקליבנ זיכ אהינ,
געקומענ זײַנענ מיר דורכ וועגנ שווערע
צו דיר אינ הייל, אינ גאָטישנ בערלינ.

הירשל דער צירולניק אונ די וואזאָנעס

הירשל דער צירולניק טאנצט,
אז די וואזאָנעס טרייסלענ זיכ אזש
אפ די פענצטער.
דאָס פאָנעמ איז אינ שוויס,
דער שטערנ גלאנצט.

נו, איז וואָס, אז ער איז ניט דער שענסטער,
אז א פארליבטער אינ די פלינקע פיס,
ער קוקט אפ זיי אונ טופּעט שטארקער, גיכער,
אָט טוט ער זיכ פונ אָרט א ריס
אונ טראָגט זיכ צווישנ אוילעמ, ווי א וויכער.

ער ווייסט, אז כאָטש אינ ווינקעלע זי שטייט
אונ מאכט זיכ קלוימערשט, אז זי ארט ניט,
צעגייט דער קאס אינ איר,
ווי שניי צעגייט.
איז זאָל זי זאָגנ, גיטעלע,
אימ ארט ניט.

און נאָכדעם האָט ער זי געפּאַקט אין קיך
זיך פּאָרען בא דעם פלאַמענדיקן אויוון,
און פּוצנדיק מיט א געוואַנט די שיך,
האָט ער געזאָגט מיט צוגעמאַכטע אויגן:

— גיטעלע,
אויב אײַך געפעלט עס ניט,
טאָ וועל איך מער ניט טאַנצן קײנמאָל.
און זי האָט זיך די פינגער אָפּגעבריט
און האָט פון קאַס אַזש אָנגעהויבן וויינען.

— וואָס גייט איר אָן!
אז זאָל ער שפּרינגען, ווי א ציג,
וואָס האָט זי דען בא אים דאָ פאַר א דייע?..
נאָר הירשל איז אן אקשן —
און אין א יאָר אַרום
האָט זי אין אַלקערל געוויגט א וויג,
און אָנגעקוועלט פון קינד
זיי האָבן שוין אינצווייען.

און איצט האָט גיטעלע א בריוו פון דעם שפּיטאָל —
מע האָט א פוס איר מאַן אַראָפּגענומען...
קוקט זי אַפ דעם פענצטער, און מיטאַמאָל
כאַפּט גיטעלע דאָס טעפּעלע מיט בלומען
און רעדט צו דער וואַזאָנע מיט געוויין:

— ווען ער פלעגט טאַנצן,
פלעגט איר אַפן פענצטער שפּרינגען,

איצט שטייט איר דאָ פאַריאָסעמטע, אַליין.—
אַ בראָך צו היטלערן מיט זיינע אַלע יונגען!

זי נעמט אַראָפּ זיין קאַרטע פון דער וואַנט
און קוקט אַף איר דעם טאָג דעם גאַנצן,
אַ פוס פאַרשטעלט זי מיט איר שמאָלער האַנט,
און טוליעט לאַנג דאָס בילד צום האַרצן.
זי שעפּטשעט שטיל:
— איך וועט נאָך טאַנצן, טאַנצן.

די מאמע ווארט

די מאמע זיצט באַם פענצטערל פארטראכט
און קוקט זיך איַין, ווי ס'רוקט זיך דער פארנאכט,

און יעדער מאָל עס דאכט זיך איר, איר מאָלט זיך אויס,
ער גייט, איר איינציקער, ער גייט אין גאס ארויס,

אין איַילעניש זי כאפט זיך צו דער בריל,
ניט ער... זי שעפטשעט מיט די ליפּן שטיל.

זי נעמט די נאָדל אין די ציטעריקע הענט
און זעצט זיך אויסנייען פאר אים א העמד.

אָט פליִען בינען שוין מיט לײַכטן זשום,
זיי זעצן זיך אף שטויבעלעך פון בלום.

און דורך די בלעטעלעך, דורך פליגעלעך פון בין
דערזעט די מאמע נאָכאמאָל איצט אים.

ער שטייט נאָר בלויז א רעגע אָפּ דער שוועל
און לאָזט זיך אינעם ווינקעלע צו זײַן שינעל.

און פירט זי צו דעם פענצטער רויִק, צאַרט,
ער קוקט אין ווײַט און רעדט צו איר מיט האַרץ...

מע דאַרף קיין ווערטער ניט — דער קאָרן בליט אין פעלד,
די הערטשקע אינעם סטעפּ האָט זיך צעהעלט.

די פרוכט איז צײַטיק אָפּ דער שווערער צווײַג —
מע דאַרף קיין ווערטער ניט, מײַן ייִנגל, שווײַג...

געקושט האָט זי די אויגן בא דעם זון,
איז אין זײַן האַרצן אופגעגאַן א זון.

מיט אָט דער וואַרעמקייט אוועק איז ער אין שלאַכט,
איז לויכט זי אים באַטאָג און וואַרעמט אים באַנאַכט.

די מאַמע זיצט באַם פענצטערל און בייט,
זי קוקט אַרויס — איר דוכט זיך אויס, ער גייט.

פון קליינעם טישעלע זײַן בריוו זי נעמט,
ווו יעדער אויסעלע איז האַרציק און באַקענט:

„כ׳וועל קומען, טײַערע, צוריק, אַהיים, צו דיר...
און שטילערהייט דיר אָנקלאַפּן אין טיר.

צעצוויטען וועט זיך נאָכלאמאָל דער בוים,
און זיסער וועט נאָך זיין די זאפט פון פלוים.

און זאפטיקער וועט זיין די פעטע ערד,
אין שיידל רוען וועט די שארפע שווערד".

די מאמע זיצט באם פענצטערל און ווארט —
איר הארץ האָט קיינמאָל זי ניט אָפגענארט.

איך האָב געבענטשט דײַן בליק

אין שנײ געבלאָנקעט האָט מײַן װזװאָד א נאכט,
דער װאלד, דער סטעפּ
האָט צו קײן װעג אונדז ניט געבראכט.

געװארעמט האָט מײַן האָפענונג
דער שטאָל פון מײַן באגנעט,
און דיך האָב איך געזען
אין װײַט פון שטעט.

כאָטש צװישן אונדז געלעגן איז
די גרענעץ פונעם פײַנט,
האָט מיר דעם װעג
דײַן הייסער בליק באשײַנט.

װײַל כ'האָב געװוסט,
װי שװער ס'איז ניט דער גאנג,
װעל איך אים בײַקומען —
װײַל ס'איז אזא — אי מײַן, אי דײַן פארלאנג.

כאָטש דו ביסט דאַן דערנעבן ניט געווען,
האָב איך געוווּסט,
דו האָסט געשפּירט נאָך מיר, און מיך געזען.

און כ׳האָב געבענטשט דײַן בליק,
וואָס לעבט אין מיר,
וואָס וועט אַ זיגער ברענגען מיך
צוריק צו דיר.

מוישע־לייב קערט זיך אום אהיים

ס׳האָט מוישע-לייב זיך אומגעקערט אהיים —
דורך פלאם און שלאכט איז ער געגאנגען.
אָט איז דער טײַך,
דער הויכער ברעג פון שטיין,
אָט דאָרט פון יענער זײַט זײַן קינדהײַט איז פארגאנגען.

אָט דאָרט פון יענער זײַט — זײַן שטוב און זײַנע פרײַנט,
די שטילע מאמע מיט פארבענקטע אויגן.
ווי שפעט ער פלעגט ניט קומען,
האָט אין שויב געשײַנט —
ער ווייסט, די מאמע זיצט איבער א זאָק געבויגן.

די שוועסטער שלאָפן שוין, דער זייגער „טיקעט" שטיל...
אוי, ווי ס׳קלאפט דאָס הארץ בא אים אצינדער!
איז וואָס זשע ווארט אף אים?
אָט זעט זיך שוין די מיל...
און מוישע-לייב די שלאכטלײַט יאָגט: געשווינדער און געשווינדער!
איר הערט דאָס קאָל, וואָס האָט די נאכט צעוויגט,
דער כאלעפ איז אָט דאָרט פארהויבן —

איבער א קינד,
וואָס אינעם וויגל ליגט,
איבער א מוטערס האלדז, איבער א שוועסטערס טויבן-אויגן.

און מוישע-לייב געגאנגען איז אהיים,
ס'איז שווער דער וועג געווען, נאָר ער איז פֿאָרט געקומען.
איז ווו זשע איז זײַן שטיבעלע פֿון ליים,
די לײַכטנדיקע שויבן מיט די ווינטער-בלומען?

א הויפֿן אש, אן אָפּגעברענטער בוים
און שווארצע קוימענס, ווי מאצייוועס דאָ צעבראָכן.
אין ווײַסקײַט פֿונעם ווײַסן שנייען-שוים,
אים דוכט, ער זעט —
די מאמע ליגט דערשטאָכן.

און אז די שוועסטער הענגען אינעם סקווער,
די אויגן זייערע נעקאָמע מאָנען:
— ווו ביסטו מוישע-לייב?..
אהערצו קום, אהער!
ער הערט, מע רופֿט פֿון ווײַט זײַן נאָמען.

און צוגעפאלן איז ער צו דער ערד
און ווי א קליינינק קינד געוויינט מיט טרערן,
די ערד האָט אים געכאָוועט, אים דערנערט,
איז זאָל זי איצט זײַן טיפֿן טרויער הערן.

ס'איז מוישע-לייב צוריק אין שלאכט אוועק
מיט קויל און שווערד די מוטער-ערד באפרײַען.

און גרויזאַם איז געווען דער שווערער וועג —
דער וועג אַהין, וווּ קינדער מ'האָט געוואָרפן אינעם פֿײַער.

און פֿאַר די אויגן איז געשטאַנען יענער סקווער, —
די שוועסטער-אויגן רופֿן צו נעקאָמע:
— וווּ ביסטו, מוישע-לייב?
אַהערצו קום, אַהער! —
ער הערט און ווײַטן קלינגט זײַן נאָמען.

די ערד אפילע ווייסט

עליע קאהאנענ

כ׳האָב ניט געקלערט, דו גייסט אוועק אפ שטענדיק
אונ אלצ, וואָס לעבט, פארבלײַבנ וועט אָנ דיר.
ניט שוינ זשע האָסטו מיט דער וועלט שוינ אלצ פארענדיקט
אונ צוגעמאכט אפ אייביק אונדזער טיר.

די בלאָנדע מיידלעכ וועלנ קומענ צו דײַנ פענצטער פרעגנ,
דערשיטערטע אוועק צוריק אליינ.
וואָס זאָל איכ זאָגנ זיי?
ווער וועט עס אינ א רעגנ
אינ מאנטל זיי פארהילנ אונ אָפפירנ אהיימ?

דער פרילינג וועט פארגיינ, עס וועט אוועק דער ווינטער,
פארגעסנ ווערנ וועט דער בײַסנדיקער פראָסט.
די אלטע לערערנ דערציילנ וועט די קינדער,
אז אומקומענ דאָס ברויט דער שניי האָט ניט געלאָזט.

אז ס׳בליט דער קאָרנ אָט אזוי געדיכט,
ווײַל ס׳איז דער שניי געווענ זײַנ טרײַער היטער.

און ווייל דער וועג האָט צו דיינ שוועל דיך ניט דערפירט,
וועט קענען זינגען אלע זומערן אין פעלד דער שניטער.

פאַר מיינע אויגן לעבעדיק דו שטייסט,
אין מיין זיקאָרן וועסטו בלייבן שטענדיק.
די ערד אפילע, ווו דו ליגסט, זי ווייסט,
אַז מיט דער וועלט האָסטו נאָך ניט פארענדיקט.

לייבל פֿון די פּיסקעס

ווער האָט געקענט זיך ריכטן,
ווער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט,
לייבל פֿון די פּיסקעס
ווערן זאָל א העלד.

לייבעלע דער אקשן
מיט די שטארקע ציין,
כ׳קען זײַן טאטע-מאמע,
כ׳קען אים גוט אליין.

טוט א פרעג די מיידלעך
פון דעם ווײַטסטן ליק:
„לייבעלע דער שלאָסער?
איינמאָל אנ אנטיק!״

טויזנט מאָל זיי האָבן
זיך מיט אים געקריגט,
און בייס קריג אין ווינטער
הענטשקעס אים געשיקט.

און אים בריוו געשריבן
האָבן עפּשער צען —
יעדערע באַזונדער,
אַז קיינער זאָל ניט זען.

לייבל פון די פּיסקעס —
ווער האָט עס געוווּסט.
טוט אַ קוק, ווי ס'בלישטשעט
דער שטערן אויף זײַן ברוסט!

פּונקט דער זעלבער לייבל —
אַן אַקשן, ווי געווען;
קוים פאַרטראַכט ער עפּעס,
שפּאַרט ער איבער צען.

דאַכט זיך, ערשט געקומען —
קלינגט שוין די פאַבריק:
— לייבעלעס בריגאַדע
גייט פון זיג צו זיג!

און די מיידלעך? — פרעגט איר, —
פּונקט אַזוי ווי פריִער!
נאָך דער אַרבעט קענט איר
זען אויף דעם שפּאַציר

לייבלען מיט די מיידלעך.
ער דערציילט זיי פּראָסט,

אז איך יענע העכטשקעס
שרעקט אים ניט קיין פראָסט,

אז אָט יענע בריוולעך
האָבן דאָך אין קריג
אים געדינט, ווי פליגל,
קומען אָפּ צוריק.

דער וואַלד דערציילט

לאָמיר בעסער איצטער שוויַיגן

לאָמיר בעסער איצטער שוויַיגן,
קינד,
הערסט, עס ברעכן זיך די צווײַגן
אינעם ווינט.
הערסט, עס צאָקען ערגעץ טלאָען
אפן שליאַך,
און עס קראַקען שוואַרצע קראָען
אפן דאַך.
ווײַל דער מערדער איז געקומען
נאָך דײַן רו,
ס׳האָט דער פײַנט דײַן היים פאַרנומען,
שלאָף, ליו-ליו.

זאָלסט מײַן קינד אנשלאָפן ווערן
באַלד,
ס׳וועט דער בייזער דײַטש דערהערן
אינעם וואַלד
און וועט מיט א מעסער קומען
צו דײַן טיר,

הערסט, אינ הימל רויבער ברומענ?

מיר פאר דיר.

זאָגט דאָס יינגעלע דער מאמענ

באלד:

„ס'זיינענ איצטער פארטיזאנער

אינעמ וואלד.

ס'איז מיינ טאטע אויכ אצינדער

דאָרט מיט זיי,

אונ דעמ דייטש וועט ער צעשיסנ

אינעמ שניי.

אונ אליינ וועט ער זיכ קערנ

דאנ צו מיר,

כ'וועל דער ערשטער עס דערהערנ,

עפענענ די טיר".

וויינט די מאמע, טריפנ טרערנ:

מיר פאר דיר.

וויג־ליד

אינ די לאָדנ קלאַפּט דערווינט,
אַפּ די קייטנ בילנ הינט,
טרערנ קויקלענ זיכ געשווינד
אינעמ וויגל באַ דעמ קינד.
— מאַמעניו, די באָבע יאַכנע
איז געשטאָרבנ אינעמ וואַלד?
— ניינ, מײַנ קינד, עס גויסעט היטלער,
ס׳איז אימ הייס אונ ס׳איז אימ קאַלט —
פּייגערנ וועט ער שוינ באַלד.

— וווּ זשע איז דער טאַטע מיט זײַנ פערד?
— וווּ זשע איז דער ברודער מיט דער שווערד?
אונ די פעטערס מיט די שפּיזנ,
מיט האַרמאַטנ, ווי די ריזנ?

— אָט-אָ, אָט-אָ קומענ זיי
פונ דער ווײַט.
זעסט? דער טאַטע
אַפּ א גניאַדנ רײַט.

און דער ברודער מיט דער שווערד
גייט באַפרייען אונדזער ערד,
און די פעטערס מיט האַרמאַטן
שניידן היטלערשע סאָלדאַטן.
הער זיך איין, מיין פישעלע,
ס׳פייפט דער ווינט,
הער זיך איין, מיין פייגעלע,
ס׳בילן הינט.
וויינ זשע ניט, מיין טייבעלע —
שלאָף, מיין קינד.

דאָבע די אייביקע באָבע

דאכט זיך, אז פון אייביק,
איז די גוטע דאָבע
א באָבע.
און פאר אלע אייניקלעך
האָט זי שיינע מײַסעס,
וועגן וועלדער, וועגן וועלף
און בערג.
כ׳האָב אויכעט ליב געהאט
די מײַסעס אירע
הערן.

די באָבע דאָבע
איז ווײַטער ניט געגאנגען
פון דער לעוואדע
און קיין וועלף און בערן
ניט געזען אוואדע.

האָט געטראָפן זיך,
איז פארלאָפן זיך

אפ דער עלטער,
אז די שכיינים פונ די פיסקעס
אוועק זײַנעג אינ וועלדער —
מיטנ בעטגעוואנט,
מיט די אייניקלעך
אונ מיט די קינדער —
ווינט מענ אינ די וועלדער
שוינ דעם דריטנ ווינטער.

אונ די גוטע דאָבע
איז דאָך פאָרט א באָבע,
אונ געזענ זי האָט שוינ מיט די אויגנ,
ווי די רויב-פויגלענ אינ הייך זײַנענ געפלויגנ,
אונ אינ לאנגע ווינטער-נעכט פלעגט הערנ,
ווי וועלפ האָבנ געברילט,
אונ ווי געהוילט האָבנ די בערנ.
ס׳דארפנ איצט די אייניקלעך
די מײַסעלעך ניט וויסנ,
ווײַל זיי טראָגנ ביקסנ
אונ זיי קענענ שיסנ.

אונ די גוטע דאָבע
איז דאָך פאָרט א באָבע,
אונ אז די שכיינים
מיט די אייניקלעך איינינעם
קלײַבנ זיך צו גיינ אפ א געיעג —
אפ די דײַטשנ, אפ די וועלפ אונ בערנ,

גרייט זי אָן פאַר אַלעמען אין וועג:
דעם א פּלעצל, דעם א קיכל,
און דעם קלענסטן אפן האַלדז
א וואָלן טיכל.

ס'בלײַבט די באָבע איבער אינעם וואַלד
און שטריקט א זאָק ביז גרויקײַט פון פאַרנאַכטן
און וואַרט אפ אירע אייניקלעך,
וואָס זײַנען אין די שלאַכטן.

קינדער־צייל

אפֿן הויכן בארג
און אפֿן גרינעם גראָז
שטייען א פּאָר דײַטשן
מיט די לאנגע בײַטשן.
קליינע קינדער שמײַסן זיי,
ווי די שלאנגען בײַסן זיי,
צילן פֿון הארמאטן —
אין זיידן און אין טאטן,
אין באָבען מיט די אייניקלעך,
און ס׳איז אלץ זיי ווייניקלעך.

קלעטערט כעוורע אפֿן בארג,
נעמט די דײַטשן פּארן קארק
און דערווארגט.
פֿונעם הויכן בארג
און פֿון דעם גרינעם גראָז
קאטשען זיך די דײַטשן
אָן די לאנגע בײַטשן.
איינער שרײַט: — איך וויל שוין ניט!

און דער צווייטער פליט און פליט,
יאָגן שטארק דערשראָקן
אָן שטיוול און אָן זאָקן.

כעוורע טרײַבן זיי אין קארק,
יאָגן זיי פון הויכן בארג,
די אייניקלעך פארזאָגן —
מיט אונדז זיך מער ניט שלאָגן.

פאָטשט

שרײַבט דער מאַן אַ בריוועלע:
„גרעטכענ מײַנע, גאָלד,
האָסט אַ טכוירנ טולעפּל
לאַנג, שוינ לאַנג געוואָלט.
וועל איכ שיקנ דיר,
וועל איכ ברענגענ דיר,
מײַנ ברילִיאַנט,
איינע וועסטו זײַנ בא מיר
אינעם גאַנצנ לאַנד".

שרײַבט דאָס ווײַב אַ בריוועלע:
„ליבער מײַנער, העלד,
איינער וועסטו זײַנ בא מיר
אינ דער גאָרער וועלט,
ברענג אהיימ פונ רוסנלאַנד —
ברענג אַ זאַק מיט געלט".

שרײַבט דער מאַן א בריוועלע:
„גרעטע, ס׳איז מיר קאַלט,
כ׳ווארעמ זיך די ביינדעלעך
אינעמ שניי אינ וואלד.
כ׳האָב שוינ ניט קיינ טולעפּל,
קיינ געשאנק.
ביטער איז מיר, טײַבעלע,
אלט בינ איך אונ קראנק“.

שרײַבט דאָס ווײַב א בריוועלע:
„פריצ, אנטלויפ צוריק,
כ׳דארפ שוינ ניט קיינ טולעפּל,
כ׳וויל שוינ ניט דאָס גליק.
ס׳וויינענ מײַנע כאוועריטעס,
קלאָגנ טאָג ווי נאכט —
מ׳האָט דאָס גוטע בריוועלע
זיי אהיימ געבראכט.
בערטעס מאַנ אונ ערנעס זונ
זײַנענ שוינ ניטאָ...
קומ אהיימ, מײַנ טײַערער,
אינ א גוטער שאָ“.

גרעטעווארט באַמ פענצטערל —
ווארט א טאָג, א נאכט.
האָט מענ איר דאָס בריוועלע
צו דער שוועל געבראכט.
אינ א שווארצנ ראַמעלע

דער קאָנווערט.
דער כאַכאָמע גרעטעניונ
איז געוואָרנ שלעכט.
אנ אלמאָנע איז זי איצט —
א בראָכ צו אירע יאָר!
פּירט זי אָנ דעם טולעפּל,
אָנ איר זיסער פּאָר.

ראַכמיל

אונטער בערג און צווישן טאָלן
בא א טײַכעלע א שמאָלן,
בא א וואלד, ווו ווינטן רוישן
און ווו כוואליעס לויפן, פּלוישן,
איז א יִישעוו לאנג געלעגן.
אויסגעטראָטן דינע שטעגן
פון דעם וואלד און ביז די כאטעס
האָבן זיידעס נאָך און טאטעס.

און די קליינע בלאָנדע קינדער
האָבן פרילינג, זומער, ווינטער
זיך געשפּילט מיט שניי און בלומען
אינעם וואלד, וואָס הייבט אָן ברומען,
ווען דער הארבסט קומט מיט זײַן גינגאָלד,
ווען דער פראָסט הייבט אָן צו קלינגען,
פליט מען מיט דעם גרינגן שליטן
און דער שניי נעמט אלץ פארשיטן.

צווישן בלאָנדע קינדער פלינקע
האָט געלעבט דער יאט ראַכמילקע.

פריילעך, שפּרינגעוודיק — א פּילקע.
ווען עס האָט געריַיפט דער קאָרן,
איז אים דרײַצן יאָר געוואָרן.
„איך בין שוין א גרויסער, קלערט ער,
כאָטש אין שטוב בין איך דער פערטער —
דער מיזיניק בא דעם טאַטן,
נאָר דער עלטסטער בא די יאַטן".

כאַפּט ראַכמיל זיך אויף באַגינען,
לויפט אין העמדעלע אין דינעם,
קלאַפּט אין דרעמלדיקע טירן:
— ציַיט אין פעלד די טשערעדע פירן!
און די קי די שוואַרצע, רויטע
שפּאַנען רויִק בא די פּלויטן —
צו די הויכע פעטע גראָזן,
וווּ די פרישע ווינטן בלאָזן.

איינמאָל זיין א גאָלד-באַגינען
זיַינען אַף דעם טאָל דעם גרינעם
ווילדע דיַיטשן אָנגעלאָפן,
ס׳איז דער ייִשעוו נאָך געשלאָפן.
און מיט קוילן און גראַנאַטן
האָבן היטלערשע סאָלדאַטן
זיך געלאָזט דורך טיפן קאָרן
נאָך דער זעט און נאָך די יאָרן
פון די קינדערלעך די קליינע,
פון די קינדערלעך די שיינע.

ברענט ארום, די הײַזער פלאמען,
קינדער זוכן זייער מאמע.
פויגלען פליִען אום פארלאָרן —
פון די נעסטן צו דעם קאָרן.
נאָר דער קאָרן שפריצט מיט פונקען,
און דער הימל — פײַער-רינגען.
און די דײַטשן לאכן, קוועלן:
ס'איז די „סימכע" זיי געפעלן.

ליגט ראכמילקע אין א סטערטע,
הערט דאָס שיקערע געלעכטער.
וועמען בעטן, וועמען פרעגן?
ווער וועט שטעלן זיך אנטקעגן.
פלוצעם הערט דאָס קליינע יינגל,
עמעץ רופט אים פון א ווינקל:
— היי, ראכמילקע, פלינקער, שנעלער,
קריך אראָפּ אהער אין קעלער!

לאָזט ער זיך אין קעלער שווארצן,
קלאפּט דאָס בלוט אזוי אין הארצן,
טאפּט די נאסע ווענט דערשראָקן.
— קום אהערצו! — רופט א שאָטן.
עמעץ שושקעט אים אין אויער:
— לויף, באהאלט זיך אינעם טויער
פון קאָלווירט. און דאָרט זאָלסט היטן,
נאָכשפּירן זאָלסט די באנדיטן.
און דערנאָך זאָלסטו אנטלויפן

דורכ די שטיבער און די הויפן,
צו דעם גרויסן וואלד דעם אלטן,
זע, מע זאָל דיכ ניט פארהאלטן.
טיפ אינ טאָל, אינ וואלד אינ גרינעם
וועסטו אונדזערע געפינען.

פלינק אנטלאָפן איז דאָס יינגל,
זיכ באהאלטן אינ א ווינקל.
פונ קאָלווירטנ־הויפ דעם גרויסן
זעט מען אָן דעם גאנצן דרויסן.
זעט ער, ס'עפענען זיכ טירן,
די סאָלדאטן מענטשן פירן —
אָט־אָ שטייט זיין טאטע דאָרטן
אינ דעם פלאקערדיקן גאָרטן.

ס'איז דער טאטע אָן א היטל
און זיין פּאָנעם איז צעשניטן,
און די הענט מיט שטריק געבונדן,
און דאָס לייב איז הוילע וווּנדן.

אוי, ווי ס'גלוסט זיכ איצט ראכמילקען
פון באהעלטעניש א שפרונג טאָן,
אלעמ שטעלן זיכ אנטקעגן —
מיט די ציינ און מיט די נעגל
רייסן, בייסן די סאָלדאטן.
נאָר עס שטארקט זיכ באלד דאָס יאטל.

דורך די הויפן, צווישן שטיבער,
לויפט ראכמיל דורך בערג און גריבער.
רוישט דער וואלד, די קרוינען שווימען —
וועמען וועט ער דאָרט געפינען?
רוישט דאָס בלוט אין דינע שלייפן,
פאר די אויגן פייער-רייפן.
אוי, אפ וואָסער וועג זיך נעמען?
פרעגן איז ניטאָ בא וועמען.

— היי, אהו! — ער שרייט אין פויסטן,
און עס קלינגט אין וואלד אין גרויסן:
— היי, אהו! — וואָס שרייסטו, קליינער?
ס'איז אין וואלד ניטאָ דאָ קיינער... —
הערט ראכמיל, עס זינגט א פויגל,
הייבט ער אוף אין הייך די אויגן.
אפ א גרינעם דעמב אן אלטן
האָט זיך עמעצער באהאלטן.

איז ראכמילקע שטיל געבליבן:
ווער האָט זיך אהין פארקליבן?
הערט ער — ס'זאָגן אים די צווייגן:
— זען זאָלסטו און זאָלסט שווייגן.
פלוצעם נעמט א קוקו זינגען,
וואקסן אויס א מענגע יונגען.
ס'איז א פולער וואלד געוואָרן,
ס'האָט ראכמיל זיך אזש פארלאָרן.

אפ די לענדנ — קוילנ-סטענגעס,
אפ די אקסלענ — ביקסנ שטרענגע.
ס'קענ ראכמילקע יעדנ איינעם —
אלע זײַנען זײַנע שכיינים.
נעמט א פארטיזאנ ראכמילנ,
פירט אים צו א בוים א שטילנ
אונ ער זאָגט: — דערצייל זיי, יאטל,
וועגנ היטלערשע סאָלדאטנ.

שטיל, די פארטיזאנער הערנ,
אונ ראכמיל דערציילט מיט טרערנ:
— פונעם דאָרפ איז אש געוואָרנ, —
רעדט דאָס ייִנגל פול מיט צאָרנ.
ער פארפרעסט די קליינע פויסטנ,
אונ דער וואלד הייבט אָנ אזש רוישנ:
— פאר די שוועסטער, פאר די ברידער,
פאר די ברענענדיקע שטיבער,
פאר דעמ טויט פונ שוואכע זקיינים,
שטארבנ זאָלנ זיי ביז איינעם!

גיט א פארטיזאנ דעמ יאטל
פינקלענדיקע צוויי גראנאטנ.
אונ ער זאָגט אים: — לויפ, נאָר גיכער,
מירנ קומענ! — זאָגט ער זיכער.

* *
*

אָט-אָ שטייט דאָס שטאָלצע יאַטל
צווישן דײַטשישע סאָלדאַטן
און באַווײַזט און דראָט מיט פויסטן,
ווײַזט זיי אַף דעם וואַלד דעם גרויסן.
וואָס ער רעדט, פאַרשטייט ניט קיינער,
זאָגט צו זיי דער יאַט דער קליינער:
— אויב איר וועט מיך גוט באַלוינען,
וועל איך קיינעם דאָ ניט שוינען.
כ'וועל באַווײַזן, ווו פאַראַנען
זײַנען דאָ די פּאַרטיזאַנער!

און ראַכמיל שטעלט אויף דאָס היטל:
— זאָל מען אים אהערצו שיטן...
קוקט אהער, איר זעט זיי שפּאַנען
אָט-אָ דאָרט, די פּאַרטיזאַנער.
שטוינט מען, עס פאַרשטייט ניט קיינער;
— ווו זשע זײַנען זיי, דו קליינער?
— אָט-אָ דאָ, מיט אײַך צוזאַמען
זײַנען זיי די פּאַרטיזאַנער!

און דאָס פלינקע פּילקע-יאַטל
כאַפּט אַרויס די צוויי גראַנאַטן,
און אַ שמיץ אין די סאָלדאַטן —
— פאַר מײַן אומשולדיקן טאַטן!

* *
*

צווישנ בערג אונ צווישנ טאָלנ,
בא א טײַכעלע א שמאָלנ,
בא א גרויסנ וואלד א שטילנ
איז דער קייווער פונ ראכמילנ.
אונ דער רום פונ דרייסטנ ייִנגל
קלינגט אצינד אינ יעדנ ווינקל.
מאמעס בענטשנ זיכ אצינדער
מיט אזעלכע שטאָלצע קינדער.

ס׳געדענקט זיך

רעגנבויגן

אָט גראָד אצינד
גייט דורך פאר מײַנע אויגן
מײַן ווײַטע היים,
וואָס איז אין פּלאָם אוועק.
וועל איך אדורכגיין דורך דעם רעגנבויגן,
וועל איך אדורכשפּאנען
דעם דורכגעשפּאנטן וועג.
וואָס האָט פון גנילאָפּיאט
געפירט מיך ביז די יאמען —
פון פּיסקע-גאס,
פון שטויביק-ענגן ליק.
מיט פיס מיט באָרוועסע
געבראָכן כ׳האָב די צאמען,
שפּאנענדיק צום הויכן בארג
פון גליק.

ס׳האָט קיינער אין קיין נעץ מיך ניט געפאנגען,
ס׳האָט קיינער מיר אין וועג זיך ניט געשטעלט.

און גרינג בין איך דורך שווערן וועג געגאנגען,
ס'איז אָפּן אומעטום געווען פאר מיר די וועלט.

כ'האָב אָפט געווענדט דעם בליק
צום אָנהייב פון מײַן לעבן,
ווו איך האָב קינדעריש און פראָסט
א לופט-באלאָן דעם הימל אָפּגעגעבן —
דעם פאָדעם פון דער האנט ניט אָפּגעלאָזט.

איז אופגעשוווּמען פאר מײַן אויג
א זומערדיקער גאָרטן,
מיט בלויען בעז,
א מיידל אין א שאלעכל פארהילט —
הינטער א פלויט,
פון אָלכע-ריטעלעך געפלאָכטן.
מײַן ערשטן ציטער האָב איך דאן דערפילט.

און ליבנדיק מײַן היים,
בין איך געגאנגען ווײַטער,
און בענקענדיק אזוי,
האָב איך געשפאנט צום בארג פון שײַן.
א דאנק דיר, טרוים —
מײַן בלענדנדיקער שײַטער,
דו ביסט מײַן גליק געווען,
מײַן גליק וועסט אייביק זײַן.

אָט גראָד אצינד
גייט דורך פאר מײַנע אויגן

מײַן קינדהײַט, און מײַן יוגנט,
און מײַן װאָר.
צעװיקל איך דאָס קנײַלכל —
מײַן צאַרטן רעגנבויגן —
און מישפּעט מיך,
אַט דאָס בין איך
און גאָר.

בא דער וואסער־מיל

באַם ראַנד פון שטאָט איז רויִק און געראַמער,
דער הימל גרעסער, און ס׳איז שרעקלעך שטיל.
פון ווײַטער קוזניע קומט אַ קלאַנג פון האַמער,
באַם הויכן בריג עס רוישט די וואַסער-מיל.
נאָר כ׳הער די שטילקייט, ס׳איז דאָ מאָדנע שטיל.

איך פלעג אַ באָרוועסער אַוועק צו נאַסע שטיינער,
אַהין, וווּ ס׳וואַסער דרייט פון מיל די ראָד,
וווּ ס׳שטייט אײַנמיטן טײַך אַן אינדזעלע מיט ביימער,
ס׳איז אַלץ געהיים און ווי אַ גרויסער סאָד.
און ס׳דרייט דאָס וואַסער רוישנדיק די ראָד.

דאָס וואַסער שוימט, און ס׳שוימט אויף אַ געשיכטע,
די ווערבעס שאָקלען זיך, ווי זיי וואָלטן פאַרשטיין,
זיי רוישן מיט די בלעטער די געדיכטע
אַהין און אויף צוריק, אויף „יאָ״ און „ניין״.
גלײַך די ווערבעס וואָלטן אַלץ פאַרשטיין.
איך הער זיך אײַן, מיר דוכט, כ׳האָב אויך פאַרשטאַנען:
אַ גיבער אַ פאַרשמידטער דרייט די ראָד פון מיל.

ער קען זיך ניט ארויסרײַסן פונדאנען.
און אַפּ אַן אָרט ער טאַפּטשעט אָן א ציל
און דרייט דערווײַל די גרויסע ראָד פון מיל.

איך טראַכט זיך דאַן: ווען איך וועל גרעסער ווערן,
כ׳וועל קומען אין א פינצטערן באַנאַכט,
ווען קיינער וועט ניט זען און וועט ניט הערן,
באַפרײַען אים, אים קושן הייס און צאַרט,
ס׳וועט זײַן געוויס א שטילע טונק׳לע נאַכט.

און דאַן וועט ער געוויס דערפאַר מיר שענקען
א גאָלדן הערעלע, וואָס מאַכט דעם גיבער שטאַרק,
די וואַסער וועט די שוואַרצע מיל פאַרשווענקען,
די וואַסער-מיל, וואָס האָט אים דאָ פאַרשפּאַרט,
און, ווי א גיבער, וועל איך ווערן שטאַרק.

איך זיץ באַם ברעג, דאָס וואַסער יאָגט געשווינדער,
עס דרייט די ראָד זיך, נאָר ס׳איז מאָדנע שטיל.
עס קאָנען אַלץ דערזען אין טרוימען קינדער,
און ס׳דוכט זיי, ס׳איז אַן עמעס, ניט קיין שפּיל.
דאָס וואַסער רוישט, און ס׳איז דאָ מאָדנע שטיל.

פרײַטיק אפ דער נאכט

מיר דוכט, איך ווייס, וואָס ס'טוט זיך אין די שטיבער,
אין די פענצטער האָט מען אָנגעצונדן ליכט.
א קאלע-מיידל קוקט אין שויב, זי שפּירט,
זי ווייסט, אז באלד דארף אָנקומען איר ליבער,
עס קלאפּט אזש אין די שלייפן א מין פיבער,
א בלייכקייַט לייגט זיך אויס אפ איר געזיכט.

ער קומט צו גיין צום פענצטערל א שטילער,
און זי דערשרעקט זיך קלוימערשט: — אך, ווי אומגעריכט!
דאָס קווייטנדיקע שאלכל אפ די אקסל זי פארריכט,
איר דוכט זיך איצט, א ווינט עס בלאָזט א קילער.
באם גנילאָפּיאט בײט איר שפּאצירן וויל ער,
זי האָט נאָך קיינמאָל דאָרטן ניט שפּאצירט.

און דאָרט איז יעדער ווערבע שוין פארנומען.
— אָט ווײַטער קום, פונדאנען נאָך א שפּאן,
א שטילינק ערטעלע איז דאָרט פאראן,
און קיינער וועט צו זיי אהין ניט קומען...
נאָר ס'האָט באגלייט זיי פונעם טײַך דאָס זשומען,
און די לעוואָנע איז פוס-טראָט זיי נאָכגעגאן.

מע זיצט דאָרט שטיל, מע רעדט ניט אויס קיין וואָרט,
וואָס דאַרף מען ריידן, אז מע בלייַבט אינצווייען?
נאָר מאַמעס אין דער היים געפינען זיך קיין אָרט:
ווו ווערן דאָס פאַרפאַלן מיידלעך אַזוי אָפּט?
וואָס דאַרף מען צו דעם טייַך אַזש גיין?

און שפּעט באַנאַכט מע קערט זיך אום אַהיים,
די מאַמע האָט די טיר געלאָזן אָפן.
און שטילערהייט מע לייגט זיך שלאָפן,
און אַלץ עס בלייַבט פאַרבאָרגן און געהיים.

שאבעס

א גאנצנ שאבעס ליגט מענ אפנ גראָז,
מע זוכט א שאָטנ צווישנ די בוריאנענ,
מע האָט געקוקט שוינ אפ דער זונ דורכ א קאָלירטנ גלאָז,
צום „פערעיעזד" געגאנ באגעגענענ די באנענ.

די קינדער זעט מענ ניט דעם גאנצנ טאָג,
זיי פליוסקענ זיכ אינ טײַכ אצינדער.
ס'האָט יעדער מאמע טויזנט מאָל פארזאָגט,
ניט שווימענ ווײַט אונ זײַנ סטאטעטשנע קינדער.

אונ יעדערער פונ זיי באקומענ האָט געוויס
א קאָפּעקע אפ יאָדערנ זיכ קויפּנ.
די „פּיסקעוואטע" קינדער האָבנ לאנגע פיס,
פארוועט מענ זיכ—ווער קאָנ געשווינדער לויפּנ.

אונ ביז דעם ברעג מע פליט אזוי פארשײַט,
אונ יעדער סטארעט זיכ, מע זאָל אים ניט דעריאָגנ,
די מאמע האָט פארזאָגט, מע זאָל ניט שווימענ ווײַט,
זי וועט ניט וויסנ: ווער וועט איר דענ זאָגנ?..

אזוי געשווינד דער שאבעס גייט אוועק,
און ווײַבער זוכן אין דער הייך א שטערן,
א גרוס פון נײַער וואָך, פון שווערע בידנע טעג,
וואָס וועלן לאנג זיך אויסציִען אין דאלעס שווערן.

נאָר מיידלעך אײַלן זיך, נאָך ווײַט איז ביז באגינען,
מ׳האָט אָפּגערעדט זיך טרעפן בא דער מיל...
איז פאר א גאנצער וואָך זיי מעגן זיך פארגינען
פארגעסן אין דעם רויש פון די מאשינען,
די האנט פארפרעסן פון געליבטן אין דער שטיל.

דער זיידע מיטן אייניק

פאַרליבט בין איך לאַנג שוין, פאַרליבט כ'בין אין ביידן —
אין אייניק דעם יונגן, אין אַלטינקן זיידן.

זיי גייען פאַרביי פאַר מײַן שטוב דאָ קעסיידער,
אַזוי א יאָר צען, ווי א פינקטלעכער זייגער.

צוערשט איז דאָס קינד אינעם וויגל געלעגן,
די ביימער די גרינע פאַרוויגן אים פלעגן.

און פּלוצעם — ער גייט שוין, נאָך עטוואָס געפּענטעט,
און טאָג און אַף טאָג ווערט דאָס פּאָרל געענדערט.

דער זיידע באַהיט אים פון שטיינער און גריבער,
פון איבער א ריטשקע ער טראָגט אים אַריבער.

אוועק איז א זומער, דער ווינטער אַנטלאָפן,
דער פרילינג האָט ווידער זיי ביידן געטראָפן;

אין האָר בא דעם זיידן — דער טוי-שוים פון שנייען
און אָרט האָט געפונען אַף קיינמאָל צעגיין.

אין אייניקלס בליק האָט דער פרילינג פארלאָרן
דעם בעז-צוויט אפ בליִען און בליִען דאָרט יאָרן.

אויך איצטער זיי גייען פארבײַ דאָ איינײַנעם,
דאָס אייניקל היט אים פון גריבער און שטיינער.

עס דרעמלט דער זיידע אין רויש פון קאַשטאַנען,
איצט מעג ער שוין דרעמלען, ס'א צווייטער פאַראַנען,

וואָס וועט שוין דערגיין, ווו ער איז ניט דערגאַנגען,
דערטראָגן די טרוימען און זײַנע פארלאַנגען.

פּאלאצן

פּאלאצן מיט מירמלנע טרעפּ און מיט בראָנזענע זײַלן,
זיי גייען מיר נאָך און מײַן אויג זיי פארנעמען, פארווײַלן.

פּאלאצן מיט טירן געשניצטע, מיט טורעמס צו הייכן,
די טרוימען אפילע צו אײַך ניט געקענט האָבן גרייכן.

קינדער מיט בלאָנדע, מיט שווארצע, מיט האָר מיט קאשטאנע,
איך ווינטש אײַך דאָך גליק, נאָר איך בין אײַך אוואדע מעקאנע.

ווי ליכטיק וועט זײַן אײַער גרויסע נעשאָמע, ווי זויבער,
איר האָט ניט געוווּסט פון קיין וואנט פון א הויכער, א טויבער,

די וואנט, וואָס פארשטעלט האָט די זון צו מײַן פינצטערן קעלער,
פאר אײַך איז דער הימל געוועזן נאָר שטענדיק א העלער.

א הימל, וואָס ברענגט אײַך א זילבערנעם רעגן א פרישן,
געשמאק זאָל דאָס ברויט זײַן אף אײַערע ציכטיקע טישן.

א הימל, פונוואנענ עס פאלנ די שנייענ אינ ווינטער,
אז ראָז זאָלנ ווערנ די באקנ בא קליינינקע קינדער.

דער זומער, דער פרילינג געוועזנ דער זעלבער איז שטענדיק —
באמ שוועל פונעמ קעלער מײַנ וועלט האָט זיכ אָבער פארענדיקט.

נאָכ הײַנט, ווענ די קנייטשנ עס שנײַדנ אונ קארבנ דעמ שטערנ,
א ייִנגל א קליינינקס געוואָרנ אצינד וואָלט איכ גערנ.

דער בוים

אין האַרטן שטיין פון הויכן באַרג
האָט זיך אַ בוים פאַרוואָרצלט שטאַרק.
ס׳איז אויסגעקרימט זײַן ווילדער שטאַם,
ער קוקט אַראָפּ צום גרויסן יאַם.
אַ פויגל פליט — עס איז זײַן טרוים
אַ נעסט זיך מאַכן אויפן בוים,
וואָס וואַקסט דאָ צווישן פעלדז און שטיין
און שטייט אין גרויזאַמקייט אַליין.
און אַלע בלײַבן שטיין פאַרגאַפט:
ווי נעמען זײַנע וואָרצלען זאַפט?
דעם פעלדז איז, דאַכט זיך, איינס פאַרטרויט —
דער סאָד פון שטרענגן קאַלטן טויט.
און ס׳דוכט, דער בוים זאָגט שטיל, געהיים:
איך האָב באַזיגט דעם טויט פון שטיין!
דערפאַר פאַרוואַרף איך הויך מײַן צווײַג,
און ס׳זעט דער הימל, ווי איך שטײַג.

פאלט א שטיינ

פונ הויכנ בארג ווענ ס׳פאלט א שטיינ,
שלעפט ער מיט א צווייטנ אונ א דריטנ;
ער וויל ניט פונעמ שפיצ אלײנ צומ אָפּגרונט גײנ,
דעמ אײנציקנ פארמעג — די קראפט אומזיסט צעשיטנ,
פארטשעפעט ער אנ אומשולדיקע צווײג,
וואָס האלט אינ בליִענ,
אונ ברעכט זי אײנ אינצווייענ אינ זײנ פליִענ.
דערשרעקנ זיכ די פויגלענ אינ דער נעכט
אונ לאָזנ זיכ אינ רוימ מיט א געפילדער,
די שלאנקע אָדלערנ אינ טומלעניש פארגעסט
די אויסגעווארעמטע, די פרילינגדיקע קינדער.
צעשפרייט די פליגל קעגנ פאלנדיקנ שטײנ
אונ לאָזט זיכ קעגנ טויט אלײנ.

זון־פארגאנג

ס'האָט א וואָלקן זיך פארהאלטן אין די יעלן —
ס'זייַנען אים די סוידעס זייערע געפעלן.
איז ער אף די קרוינען לאנג געהאנגען,
ביז די זון אין הימל איז פארגאנגען.
האָט די זון געבראכט א גאָלדן שנירל,
ס'זאָל דער וואָלקן צו דעם אָוונט זיך באצירן,
די לעוואָנע קוקט שוין פונדערווייַטן,
מוז מען דאָך געשווינד די קליידער בייַטן,
די לעוואָנע קאָן נאָך זאָגן אירע שטערן,
און די שטערן קענען אויכעט קלערן,
אז די זון פאראָרעמט איז געוואָרן,
אז עס האָט די זון איר פראכט פארלאָרן.
און א מינדסטן וואָלקן קען זי ניט באקליידן,
ס'איז פאר איר גענוג, וואָס מענטשן ריידן,
ריידן, אז די זון האָט אויכעט פלעקן,
אז איר שייַן וועט ניט אף אייביק קלעקן,
און אז אן אטאָם עפּעס וועט זי גיך פארטרעטן;
איז זאָל כאָטש די לעוואָנע דאָ ניט שפּעטן.
דערפאר האָט עס די זון בא דעם פארגיין
א שנירל גאָלד געלאָזט די וואָלקנדיקע שנייען.

ווינטער־ליד

קומט צו גיין פון פראָסט א שוימער,
מאָלט מיר פייגל, וועלפ און ביימער,
וויסנ זאָל איכ, איכ זאָל פילנ,
אז אינ צימער אינ מײַנ שטילנ
בינ איכ ניט אליינ, בינ איכ ניט אליינ.

צו דער שויב איכ פּרעס דעם שטערנ,
ס׳זאָל דער וואלד צעגאנגענ ווערנ,
אז די קאלטע, אז די בלומענ
זאָלנ אנג׳ערש צו מיר קומענ,
כ׳זאָל ניט זײַנ אליינ, כ׳זאָל ניט זײַנ אליינ.

קומט אינ צימער די לעוואָנע,
ברענגט צו טראָגנ א מאטאָנע
אירע קינדערלעכ — די שטערנ,
מיר די איינזאמקײַט צעשטערנ,
כ׳זאָל ניט זײַנ אליינ, כ׳זאָל ניט זײַנ אליינ.

לאכט דערווינט ארײַנ אינ קוימענ,
ס׳איז דער ווינט דאָכ אויכ א טרוימער —
קלאפּט ער מיר אינ אלע טירנ,
כ׳זאָל זײַנ נאָענטקײַט דערשפּירנ,
בינ איכ ניט אליינ, בינ איכ ניט אליינ.

א שוואַרצע קראָ

א שוואַרצע קראָ אין ווײַסן שניי
פאַרשאַפט אַמאָל מיר פּײַן און וויי:
פאַרוואָס?
ווי קען איך וויסן?
אין ווײַסן פעלד, וואָס איז אַזש בלוי
אין א פאַרגליווערטקײַט פון טוי,
א פלעק האָט זיך באַוויזן.
און אָט דאָס פּינטעלע דאָס שוואַרצס
עס פּיקט דאָס פעלד אין סאַמע האַרץ.

גיי, נעם פאַרשטיי די פויגל־שפּראַך.
נאָר איך פאַרשטיי, כאָטש ניט קיין סאַך.
די קראָ זי שרײַט, איך הער דאָס קלאָר:
— איך לעב דערפאַר דרײַ הונדערט יאָר,
ווײַל מײַן געניוס איז רויב און בלוט,
ווען בלוט עס גיכט, איז דאַן מיר גוט!

א שוואַרצע קראָ אין ווײַסן שניי
פאַרשאַפט אַמאָל מיר פּײַן און וויי.

דער מישפּעט

פון יענער זײַט באַרג הייבט זיך אָנעט דער ווינטער,
פאַרבלײַב איך אַף שטענדיק פון דער זײַט אַהינטער.

אָט דאָ בא צופוסנס פון באַרג פון דעם גרויסן —
אַ גאָלדענער זומער מיט בלײַיקע רויזן.

פון יענער זײַט באַרג אַף אַן אײַז-קאַלטן שליטן
דער מיילעך פון ווינטער — ער האַלט אין איין שיטן

דאָס קאַלטע פאַרמעגן פון זילבערנע שטערן.
עס וואַקסט און עס וואַקסט און עס האַלט זיך אין מערן.

הויכט זיך דער באַרג ביז די כמאַריקע הייכן.
פון דער זײַט די פלאַנצן זיך ציִען אין הייכן.

פון יענער זײַט לויכטן קרישטאָלענע זײַלן,
פאַרגליווערט זיי ציִען זיך מײַלן נאָך מײַלן.

אַ דריטער, דער פרילינג — ער קומט צווישן צווייען,
אַף ריכטן אַ מישפּעט די רויזן און שנייען.

איז ווער איז דער ריכטער? איז ווער וועט עס ריידן?
די זון איז ארויס מיט א. שמייכל באשיידן.

דער מיילעכ פונ שליטנ אנ אקס האָט פארלאָרנ,
אונ טונקל די ווײַסקײַט פונ שנײ איז געוואָרנ,

די קנאָספּנ עס האָבנ צעעפנט די פלאנצנ,
צעבליט האָט דער בארג זיך אונ בליט איצט אינגאנצנ.

כ׳ווייס אליין ניט וויאזוי

ווינטער, ווען עס בלאָזט און ברומט
און דער פראָסט נעמט בראָטן,
דוכט זיך מיר, דער פרילינג קומט,
כאָטש מיט שניי פארשאָטן;
בא דעם פענצטער שטייט דער טאג
און מיט לאפּעס שווערע
בייגט ער אָן זיך, מאכט א שפּאן,
נאָר ער וואגט ניט מערער.
כאפּט די לאפּעס צו געשווינד,
גלייך ס׳וואָלט הייסע קוילן
אונטערשיטן אים דער ווינט
און אים שטיין באפוילן.
— ווארט נאָר, — טראכט איך, — ווארט נאָר, נאר!
ס׳איז דאָך אלץ פארפרוירן,
מאָרגן וועט דער קאלענדאר
ערשט יאנוואר געבוירן.
קען דען פרילינג זיין אזוי,

אַז די אײַז־פֿרענדז גרינגע,
אויסגעוועבט פֿון פֿראָסטן־טוי,
זאָלן ווינטיק קלינגען?
כ׳ווייס אַליין ניט וויִאַזוי,
גאָר אָן שום טערוצים,
ס׳איז יאַנוואַר, דער שניי איז בלוי
און ס׳איז פֿרילינג פּלוצעם.

כ׳בין ניט ווי אײַזיק

אײַזיק גייט ארויס אין פראָסט אין איינעם העמד,
ער טוט א שמייכל צו די קלעצער, נעמט זיך האקן.
און דער קאָלונ אין זײַנע שווערע הענט
דערפילט א באלעבאָס א פעסטן, א געשמאקן.
און איך, איך וואָלט עס דען געקענט?

דאָס אײַזן, ווי א שפּארבער, שנײַדט אדורך דעם רויך,
די שפּענער נעמען פליִען, ווי פארכוּשטע טויבן,
און דאָס, וואָס איז אָט ערשט געווען א בוים,
וועט באלד שוין פלאקערן אין אויוון.
און איך, איך וואָלט עס דען געקענט?

און ווען אין אויוון האָט דאָס האָלץ געברענט,
האָב איך באוויזן אים א ליד א נײַע,
א פונק פון כידעש כ׳האָב אין אײַזיקס בליק דערקענט,
און שטיל האָט ער געזאָגט מיר, קוקנדיק אין פײַער:
און איך, איך וואָלט עס דען געקענט?

איך נעמ דאָס אָנ פאר גוט

איך זאָל א קערנדל א קליינס פארפלאנצנ —
אנ אָרעוו בינ איך פאר דעמ לעבנ שוינ דעמ גאנצנ.

א שולדיקער פאר אלע אָנהייבנ אונ אלע סאָפּנ —
אפ מײַנ געוויסנ—סײַ די פרייד אונ סײַ די שטראָפנ.

אונ יעדנ קרײַז איג שטאמ, וואָס קומט פונ וואקסנ,
וועט לייגנ ווי א לאסט זיך אפּ די אקסל.

איך נעמ דאָס אָנ פאר גוט, אָנ וואקלעניש, אָנ ציטער —
דעמ גערטנער איז זײַנ פרוכט, זײַנ פרוכט, ניט ביטער.

ניט יענער איז דײַן פרײַנט

ניט יענער איז דײַן פרײַנט, ניט יענער,
וואָס פּירט זיך העפלעכער פון אַלע, שענער.

ניט דער, וואָס דריקט די האַנט אין אַלע ראָגן.
אַזעלכע פרײַנט ניט שווער איז צו פאַרמאָגן.

אָט דער, וואָס יעדער וואָרט דײַנס גייט אים אָן ביז טרערן —
זײַן שטרענגסטן מישפּעט בין איך גרייט צו הערן.

דאָס טעלערל פון הימל

אַז עס וויל מײַן טאָכטער
פאנגען די לעוואָנע,
לויפט זי שעפּן וואסער
פונעם טיפן ברונעם.

פון דעם שײנעם זילבער
שערבעלעך צעפאלן.
וויינט דער נאר דער קלײנער —
אירע טרערן שטראלן.

— זע, אין דײַנע אויגן
צוויי לעוואָנעס שײַנען!
וויינט דער נאר דער קלײנער,
ניט פאר איר זיי זײַנען.

נו, גענוג שוין, טאָכטער,
ווער שוין, ווער אנשוויגן,
ס׳טעלערל פון הימל
אפ דער ערד וועסט קריגן.

שפּילט מײַן קינד

ס׳וויל מײַן קינד זיך שפּילן
שפּיל איך זיך געטרײַ,
כ׳הייב זיך אָן צו פילן,
ווי מײַן טאָכטער פרײַ.

אין בײַנ טאָכטערס שפּילן
אלץ איז אומדערוואַרט,
אין מײַן הויז מײַן שטילן
שפּילן מיר אין שלאכט.

ס׳איז דער פײַנט אנטלאָפן
פון מײַן שטוב — מײַן לאנד,
נאָר א קויל „געטראָפן"
האָט מיר אין א האנט.

אלע מײַנע ווונדן
היילט מײַן קינד מיר אויס.
פון שפּיטאָל, פון אידן
כ׳גיי געזונט ארויס.

און מיט אירע טרוימענ
פליִענ מיר אוועק...
ס'איז ניטאָ קיינ צוימענ
אינעמ ווײַטנ וועג.

בא דעמ קרעמל ביימער —
טאנענ בא דער וואנט.
געמט מיכ אָנ מײַנ שוימער —
מײַנ טאָכטער פאר דער האנט.

פירט מיכ דורכ א טויער,
דורכ א גאס פונ פרייד.
פונ א ווײַסנ מויער
אונדז אנטקעגנ גייט —

ס'גייט א מענטש אנטקעגנ
אינ א כאקי-פרענטש.
מיר פארשפאָרנ פרעגנ,
ווער עס איז דער מענטש.

מײַן טרוים

דאָרט פֿונװײַטנס, דאָרט פֿון אויבן
איז א פֿויגל דורכגעפֿלויגן.

זײַנע פֿליגל ברייט צעגומען,
קיינער קען צו אים ניט קומען.

מאכט א קרײַז און נעמט זיך וויגן,
לייגט צונויף די שארפֿע פֿליגל,

ווי א שטיין ער פֿאלט און פֿאלט
ביז די קרויגעץ פֿונעם וואלד.

פּלוצעם טוט ער זיך א דריי,
און ס'דערהערט זיך זײַן געשריי.

און מיט דראנג, מיט גאנצן קוי'ך
לאָזט ער שנעל זיך אין דער הייך.

קומט א מענטש אַף שפּיץ פֿון בארג,
און ער זאָגט צום פֿויגל: „שטארבן!"

נאָר דער פויגל הערט אים ניט,
צו דער זון ער פליט און פליט.

איז א קויל אים נאָכגעלאָפן,
אין די פליגל אים געטראָפן.

פאלט דער פויגל, פאלט און פאלט
צווישן ביימער פונעם וואלד.

פליען פעדערן ארום,
דרייען אין דער לופט זיך שטום.

ווי דער פויגל אין די רוימען,
פליען האסטיק מיינע טרוימען.

ביז דעם הימל, ביז דער זון
פליען מיינע טרוימען אום.

ס'קען קיין מענטש ניט אפן בארג
זאָגן מיינע טרוימען: „שטארב".

אייביק

דער בארג איז שטארק, דער בארג איז אלט,
מיט גאדלעס קוקט ער אין די הייכן.
צום שפּיץ עס דראפּעט זיך א וואלד
און קען אים ניט דערגרייכן.

דער אָדלער האָט זײַן נעסט געבויט
אף בארגיק-גרויע שטיינער,
ער האָט זײַן לעבן אים פארטרויט —
צום פעלדז עס קומט דאָך קיינער.

נאָר ס׳קומט דער מענטש צום בארג צו גייב
דורך סאמע שווערסטע וועגן.
און ס׳קלינגט זײַן אײַזן אינעם שטיין,
אף שטאמען קלינגען זעגן.

עס ברעכט, דער מענטש ער פילט גאָר ניט,
ווי ס׳טוט זײַן פוס א ציטער,
און ס׳דוכט זיך אים, ער פליט און פליט —
אין אָפּגרונטן צעשפּליטערט.

אמאָל צעבייזערט זיך דער יאַם
און וויל דעם באַרג פאַרגיכטן.
דער שטורעם ברעכט אַרויס אַ שטאַם
פון באַרג-וואַלד דעם געדיכטן.

און ס'טרעפט, עס ציטערט אויף די ערד
און רײַסט אַרויס די ביימער,
עס קערן איבער זיך די בערג
מיט אַלע שטאַרקע שטיינער.

נאָר קוקט זיך אום, ס'איז אַלץ פאַראַן —
דער מענטש, דער באַרג, די ביימער,
און ס'רוישט שוין נאָכאַמאָל דער יאַם,
ווי ס'וואָלט קיין זאַך געשען גאָר.

און ווידער קומט דער מענטש צום באַרג
דורך אויסגעקרימטע וועגן,
און ס'קלינגט דאָס אײַזן הילכיק-שטאַרק,
אַף שטאַמען קלינגען זעגן.

די אלטע נעסט

די נעסט פון גליק

צעגאנגען איז דער נעפּל-רויך,
וואָס האָט פאַרשטעלט די זון,
און ס׳איז דער הימל שרעקלעך הויך
געוואָרן פונדערפון.

און ווײַסע בושעלס אין א קייט
געפלויגן אין א ריי,
פון ווײַטער שטאָט כ׳האָב שטילערהייט
דאָ נאָכגעשפּירט נאָך זיי.

אהיים זיי פליִען פון דער פרעמד
צו זייער אלטער נעסט,
און איך — כאָטש כ׳בין דאָ ניט פאַרשעמט —
בין איך נאָך אלץ אין געסט.

— כ׳וועל קומען! — שרײַ איך, — נאָך צו אײַך!
כ׳וועל קומען צו דעם אש,
כ׳וועל קומען צו דעם רויש פון טײַך
און צו מײַן פּוסטער גאַס,

ווי כ׳האָב אמאָל געשפּילט אין זאמד,
ווי כ׳האָב געבויט מײַן הויז.
ווי כ׳האָב געוואָרעמט א פאַרלאַנג,
מײַן שטאַם זאָל וואַקסן גרויס.

און קינדער זאָלן טאַנצן דאָרט
אין גרינעם סאָד פון גליק,
און פון מײַן שטוב ביז צו דער זון
זאָל פירן גלײַך א בריק.

איך שטיי אָט דאָ און קוק אין שויב —
א גאַסט בא מײַנע כרײַנט.
און ס׳דוכט מיר אויס—פון אַש, פון שטויב
מײַן היים שטייט אויף באַשײַנט.

און ס׳ציט מיך, ווי די בושעל-רײַ
אהין, אהיים, צוריק,
מיסטאַמע איז פינקטלעך ווי בא זיי
אָט דאָרט מײַן נעסט פון גליק.

קען זײַן

קען זײַן, אַז פּונקט ווי בײַ דעם פֿויגל
לעבט אין מיר פֿון אײביק אָן דער טרוים —
פֿון דאָרעמדיקער זון זיך אומקערן צום בוים,
אַהין, וווּ ס'איז זײַן נעסט געווען
אויף אָסיענדיקע קליאָנען.

און איך, כ'וועל אין מײַן שענסטער וואָר,
ווי אָט דער פֿויגל, זיך דערמאָנען
די שאָ פֿון גליק, וואָס איז פֿאַריבער,
וואָס ווערט אַלץ ווײַטער נאָענטער און ליבער.

וואָס קען נאָך פּראָסטער זײַן —
אַ ווײַסע שטוב, אַ בוים אַ שטאָטישער
מיט שטויב אויף גרינע בלעטער.
דאָס פֿענצטער קוקט אַרויס צום פּלויט
פֿון אָפּגעפֿאַרבטע ברעטער.

און קינדער אינעם הויף, וואָס פֿילדערן און שרײַען,
אַ שכנה קומט אין שטוב עפּעס אַנטלײַען,

28 8

און בייזערט זיך מעסוקן אפּ א האָן,
וואָס האָט איר שאָדן אינעם גאָרטן אָנגעטאָן.

צו כאַלעמ קומען זיי און לאָזן מיך ניט שלאָפן —
די קינדערלעך מיט שוואַרץ-געקרויזטע האָר.
וואָס איז מיט מיר, וואָס איז מיט זיי פּאַרלאָפן?
איך נעם זיי פאַר דער האַנט און פיר זיי אינעם טאָל,
„איוואַנ-דאַ-מאַרילעך" געקליבן האָבן מיר אַמאָל.

אָט דאָ, וווּ ס'ליגן איצט די ביינער
פון בעסטע מאַמעס אפּ דער וועלט —
דעמ מיידעלעס, דעמ יינגעלעס,
וואָס איז געבליבן איינע, איינער...

איך ווייס, אַז פּונקט ווי בא די ביימער
די וואָרצלען מײַנע זײַנען טיף פאַרוואַקסן אינ דער ערד,
ווו ס'האָט מײַן אור-זיידע זײַן לײַב, זײַן גײַסט געגערט.
דערפאַר עס ברויזט דער פלאַמ אינ מײַנע גלידער,
און ס'גאַרט מײַן שטאַמ צום אַלטן באָדן ווידער.

לאך ניט, מײַן פרײַנט

לאך ניט, מײַן פרײַנט,
זאָלסט ניט לאכן פון מיר,
וואָס כ׳האָב זיך צעקושט
מיט א הילצערנער טיר.

די טיר פון מײַן היים,
ווו מײַן קינד האָט געלאכט
און האָט ביטער געוויינט,
ווען איך האָב זי פארמאכט.

אוועק בין איך דאן
און געקערט זיך צוריק,
ווײַל כ׳האָב ניט צעבראָכן
אף אייביק די בריק.

איצט בין איך געקומען,
געקומען צו דיר,
איז לאָזט מיך א קוש טאָן
מײַן שוועל און מײַן טיר.

גוט-מאָרגן, מײַן היים,
א גוט-מאָרגן, מײַן שוועל;
ס'איז פרילינג אין גאס,
און דער טאָג איז הײַנט העל.

איז לאַך ניט, מײַן פרײַנט,
זאָלסט ניט לאַכן פון מיר,
וואָס כ'האָב זיך צעקושט
מיט א הילצערנער טיר.

דער דענקמאָל

א דענקמאָל שטייט אין נײַעם סקווער,
אין שטאָט, וואָס איז אין פּלאַם פאַרשוווּנדן.
מ׳האָט ערשט זיך אומגעקערט אהער
מיט נאָך ניט קיין פאַרהיילטע ווונדן.
א דאַך האָט אפן קאָפּ געפעלט —
נאָר מ׳האָט א דענקמאָל גלײַך געשטעלט.

דער דענקמאָל שטייט אינמיטן שטאָט —
א העלד פון בראָנזע אויסגעגאָסן.
א שלאַל פון קראַפט דער קינסטלער האָט
אין דעם מעטאַל אַרײַנגעבלאָזן,
און ס׳דוכט, אָט שטעלט ער באַלד א טראָט
און וועט אין וועג אַרײַן זיך לאָזן.

און וועט פון גרינעם סקווער אַרויס —
מיט שווערע טריט וועט נעמען שפּאַנען
אהין, צום באַרג, וווּ ס׳איז זײַן הויז
אין סאַמע מיט פון שטאָט געשטאַנען.
און יעדן מאָנען און דערמאַנען:
מײַן שטאָט, מײַן היים אפּסנײַ בויט אויס!

ניט שווער דערקענען

אינעם ערשטן ציגל,
וואָס עס לייגט דער בויער,
איז דען שווער דערקענען
שוין דעם גאַנצן מויער?

איז דען שווער צו טרעפן,
איז דען שווער צו וויסן,
ווער עס וועט באַקומען
דעם געהיימען שליסל

צו די קלוגע שלעסער
פון די הויכע טירן,
און דאָס גליק פון דעם,
וואָס וועט די ווענט באַצירן?

שטענדיק וועל איך גלייבן,
שטענדיק וועל איך האָפן,
אַז געהיימע טירן
זײַנען פאַר מיר אָפן.

סאָסנע־וועלדער

סאָסנע-וועלדער, לאַנקעס גרינע,
איך און ווײַסער צוויט —
ס׳איז מײַן היים, מײַן אוקראַינע,
ווייסט, מײַן פרײַנט, דען ניט?

פון מײַן שטאָט איז אַש געוואָרן,
שווער איז, שווער געוויס.
ווײַל אָט דאָ בין איך געבאָרן,
איז מיר אַלץ דאָ זיס.

סאָסנע-וועלדער, שאַרפע זעגן,
פאַלן ביימער אום.
פון די קלאָרע הימל-וועגן
קומט אין וואַלד די זון.

שווערע שטאַמען פאַר מײַן אַקסל,
שווער, אַוואַדע שווער.
ווײַל אָט דאָ בין איך געוואַקסן,
טראָג איך זיי אַהער.

סאָסנע-וועלדער, לאָנקעס גרינע,
פעדער ווײַס פונ צוויט,
ס'וואקסט מײַנ היימ, מײַנ אוקראַינע,
אונ מײַנ הויז וואקסט מיט.

ווינטשט מײַנ שאָכנ פונ אנטקעגנ:
— אינ א גוטער שאָ!
אויסגיינ קענ מענ טויזנט וועגנ —
לעבנ—נאָר אָט דאָ.

גאנצ געבליבנ איז די זונ

גאנצ געבליבנ אפ מײַנ גאס
איז בלויז די זונ.
אונ דאָס איבעריקע — בערג מיט אש
אונ אָפּגעברענטע ביימער.
וווהינ דער בליק עס פאלט ניט אינ ארומ —
נאָר הויפנס שטיינער.

א גוטער אָנהייב איז די זונ געווענ פונ שטענדיק,
אָט באלד וועלנ דאָ נײַע הײַזער זײַנ פארענדיקט,
אינ שקיִע וועלנ שויבנ פינקלענ ווידער,
אונ אינ די הײַזער וועלנ קלינגענ נײַע לידער.

באמ מאווזאָליי

אפנ פלאצ דעמ רויטנ ווערנ שטיל די טריט
בא דעמ מאווזאָליי, וואָס שטייט אינ סאמע מיט.
נעמסט אראָפּ דאָס היטל, בלײַבסט א ווײַלע שטיינ,
אלצ האָסטו פארגעסנ, אויכעט זיכ אליינ.
זעסט אצינד ניט קיינעמ. זעסט אצינד נאָר אימ,
אונ עס דוכט זיכ אויסעט, הערסט דאָ לענינס שטימ.
פאר א וואלד מיט פאָנעס איז דער ווינט א וויג —
שטייט ער פאר מיליאָנענ אפ א בראָנעוויק.
לענינ רעדט, פארקישעפט הערסטו יעדנ קלאנג.
דײַנ נעשאָמע לייענט ער, בלעטערט דײַנ פארלאנג.
אלצ ווערסטו פארגעסנ, יענעמ ווינטער ניט,
אלצ איז שווארצ' געוואָרנ אינעמ שניי-געשיט.
אלצ איז שטיינ געבליבנ, ווי זײַנ הארצ זײַנ גרויס,
אפ זיכ לאָזנ מאָרגנ מיט זײַנ וועג פאָרויס.
אלצ ווערסטו פארגעסנ, נאָר געדענקענ גוט
סטאלינס גרויסע שוווּע — לעבט איצט אינ דײַנ בלוט.
אפנ פלאצ דעמ רויטנ ווערנ שטיל די טריט
בא דעמ מאווזאָליי, וואָס שטייט אינ סאמע מיט.

ספאסקער טויער

באַם ספאסקער טויער שטייט א וואַך —
א וואַך באביידע זייַטן.
פונדאַנען גייט א ברייטער שליאַך
אין אַלע וויַיטסטע וויַיטן.

נאָך ווינטער, ווען עס ברענט דער פראָסט,
עס קומט אַהער דער פויער,
און א געבענטשטער ער פארלאָזט
דעם הויכן ספאסקער טויער.

די בענטשונג טראָגט ער אָפּ אהיים,
די ערד זאָל זעט געבירן.
עס וועט דער זוים שוין אָפּ קיין שטיין
די קרעפטן ניט פארלירן.

ווי ליכטיקער זאָל זיַין דאָס הויז,
דערוויסט זיך דאָ דער בויער.
א נייַע שיַין ער טראָגט ארויס
פון הויכן ספאסקער טויער.

און אָט די שײַן ער וועבט אַרײַן
אין אונדזערע געבײַען.
א פונק פון ספּאָסקער שטערן-שײַן
פאַר אַלעמען וועט סטײַען.

באַם ספּאַסקער טויער שטייט א וואַך,
נאָר שטענדיק איז ער אָפן.
און אַלע שליאַכן אין איין שליאַך
זיך דאָ האָבן געטראָפן.

סטאַלינס וואָרט

פון קרעמלשן טורעם ביז ווײַטן סיבירער
געקלונגען האָט לויטער דאָס וואָרט פונעם פירער.

דאָס וואָרט איז דערגאַנגען צו פעלדער פאַרשנייטע,
וווּ ס׳רײַפן די קערנער אין גרונטן פאַרזייטע.

צו באַרג-שפּיצן הויכע דאָס וואָרט איז דערגאַנגען,
אין טיפן פון שאַכטעס דערגאַנגען די קלאַנגען.

געהערט האָבן פעלקער דעם פירער דעם ליבן,
וואָס האָט זייער גליק אַף די לוכעס פאַרשריבן,

און האָבן דעם פירער געענטפערט: — מיר הערן!
און טרײַשאַפט פאַר טרײַשאַפט אַף אייביק מיר שווערן.

דו האָסט אונדז די שווערדן די שאַרפע געגעבן,
געפירט אונדז אין שלאַכט אַף געווינען דאָס לעבן.

די סוידעס פונ שיַינ אונ פונ זעט אונ פונ וויסנ
דו האָסט אונדז אנגעפּלעקט אונ געבראכט צום געניסנ.

די וואָרצלענ, די פלאנצנ פונ יונגינקע ביימער,
זיי טרעפנ שוינ מער ניט אפ הארטקייַט פונ שטיינער.

געבענטשט איז דאָס וואסער אינ קוואלנ, וואָס שטראָמענ.
דו קוואל פונ די קוואלנ, געבענטשט איז דייַנ נאָמענ!

אינהאלט

מײַנ כאָרעווע שטאָט

אפנ הויכנ בארג 5
מײַנ כאָרעווע שטאָט . . . 8
איכ וויס 11
לייעלע 13
א שניי איז געפאלנ . . . 15
דער טאָעס פונ נאָכעמצי דעמ קירזשנער 17
פרעג מיכ ניט פארוואָס . . . 19
דער סאָד 21
מײַנ שאָטנ 23

העלדישע זינ

אָגזאָג 27
א בריוועלע דער מאמענ . . . 29
א בריוו פונ פראָנט . . . 31
נאָכ א שלאכט 33
א פרעמדער וועג 35
הירשל דער צירולניק אונ די וואזאָנעס 37
די מאמע ווארט 40
איכ האָב געבענטשט דײַנ בליק 43
מוישע-לייב קערט זיכ אומ אהיימ 45
די ערד אפילע ווייסט . . . 48
לייבל פונ די פיסקעס . . . 50

דער וואלד דערציילט

לאָמיר בעסער איצטער שווײַגנ 55
וויג-ליד 57
דאָבע די אייביקע באָבע . . 59
קינדער-צייל 62
פּאָטשט 61
ראכמיל 67

ס׳געדענקט זיכ

רעגנבויגנ 77
בא דער וואסער־מיל 80
פרײַטיק אפ דער נאכט 82
שאבעס 84
דער זיידע מיטנ אייניק 86
פאלאצנ 88
דער בוימ 90
פאלט א שטיינ 91
זונ־פארגאנג 92
ווינטער־ליד 93
א שווארצע קראָ 94
דער מישפעט 95
כ׳ווייס אליינ ניט וויאזוי . . 97
כ׳בינ ניט ווי אײַזיק 99
איכ נעמ דאָס אָנ פאר גוט . 100
ניט יענער איז דײַנ פרײַנט . 101
דאָס טעלערל פונ הימל . . . 102
שפילט מײַנ קינד 103
כײַנ טרוימ 105
אייביק 107

די אלטע נעסט

די נעסט פונ גליק 111
קענ זײַנ 113
לאכ ניט, מײַנ פרײַנט 115
דער דענקמאָל 117
ניט שווער דערקענענ 118
סאָסנע־וועלדער 119
גאנצ געבליבנ איז די זונ . . 121
באמ מאווזאָליי 122
ספאסקער טויער 123
סטאלינס וואָרט 125

Редактор *И. Фефер.*

Обложка худ. *М. Аксельрод.* Техредактор *Ф. Фрумкина.*

А-00161. Сдано в произв. 29/I—47 г. Подп. к печ. 3/III—47 г. Печ. л. 4. Уч.-изд. л. 2,61. Тираж 4000 экз. Заказ № 28.

Набрано в 13-й типогр. „Полиграфкнига" ОГИЗа при Совете Министров СССР. Москва, Денисовский пер., № 30.

Отпечатано в типогр. Госизд. „Дер Эмес", Москва, Старопанский пер., № 1.